יֶענֶער צַייט אַן אַפָּנִים נִיהַאט אִין שְׁטָאט וִויא אַיינֶע פָּאסֶעלֶע מַטְבֵּעַ :

נוּן מוּז אִיךְ דִיר מַיינֶע טַייעֶרֶע לֶעזֶערִין אוֹיךְ לָאזִין דִיזֶע גֶעשִׁיכְטֶע מִיט אַיינֶעם שְׁפְּרִיךְ וָוארְט וָואשׁ אַגְרוֹיסֶער חָכָם הָאט גֶעזָאגְט ׳עֶס אִיז קַיין וואוּנֶדער וָואשׁ מֶענְטְשִׁין מַאכִין פַאלְשֶׁע גֶעלְט ׳ וָוען גֶעלְט מַאכְט פַאלְשֶׁע מֶענְטְשִׁין׳ :

# דֶער בֵּן יָחִיד

אַיינֶע וואוּנְדֶער שַׁיינֶע וַואהְרֶע אוּנְד צוּ גְלַייךְ נִיצְלִיכֶע עֶרְצֵיילוּנְג פוּן אַיינֶעם יֶעדֶענַאצִיק מִיט אַיינֶער הֶעכְסְט קְרִיטִישֶׁע אוּנ מוּרַאלִישֶׁע פָארְרֵיידֶע (הַקְדָּמָה) וָואס עֶס ווערְט אִין אִיר זַייעֶר רָאזָאנֶע גֶעשְׁפְּרָאכֶען אִיבֶּער דִיא שְׁלֶעכְטֶע קִינְדֶער עֶרְצִיהוּנְג אוּנ אַזוֹ אוֹיךְ אַיין עֶטְוַואס אִיבֶּער אוּנְזֶערֶע פְּרֵיידִיגֶער (מַגִּידִים) .

מאת אמ״ד.

# ווילנא

בדפוס האלמנה והאחים ראם

שנת תרל״ה לפ״ק

ДЕРЪ БЕНЪ ЮХИДЪ.

т. е. единородный.

Повѣсть объ одномъ единственномъ избалованномъ сынѣ.

Составлена А. М. Дикомъ.

ВИЛЬНА.
Въ типографіи Вдовы и братьевъ Роммъ,
на Жмудскомъ переулкѣ въ домахъ
подъ №№ 327 и 328.
1875.

Дозволено Цензурою 26 Ноября 1874 года. Вильна.

.1

# איינע ערענסטע פארדערע

---

אויב וואויל מיר האבין שוין אין פילע שטעללען פון אונזערע קליינע איבער העכסטע נוצליכע ערציייהלונגען גישפראבן איבער דיא שלעכטע קינדער ערציהונג ביי אונז רוסישע אידען · אונ האבען אונז דארטין שוין פיל מעהר אלס איינע מאל אויס גערדריקט אין זיי מיטעלסט דיזע ווערטער · עס איז דיא שווערסטע זאך אין דער וועלט צוא זיין גיהעריגע טאטעס אונ מאמעס · גיהעריגע מלמדים אונ לעהרער אונ ביי אלעם דעם נעהמען עס זיך אונטער דיזעם צוא זיין דיא העכסטע אונוויסענדסטע אונ פארדארבענסטע מענטשען · איז אונז דאך דיזע אלע קליינע ווינקע וואס מיר האבען דארטן גיגעבען איבער דיזען וויכטיגען געגענשטאנד פון קינדער ערציהונג נאך גאנץ אונ גאר ניכט גענינגענד (גענוג) אום שטיל צו שווייגן דער פון · ניין מיר מוזען דאריבער נאך אונז בעשפרעכען אין איינער בעזונדערע בראסורע (חבור) אונ טוהען עס איצונד אין דער פארדערע פון דיזער ערציייהלונג (בן יחיד) ווייל עס איז דא אם פאסענסטעם אונ ווייל דיזע גאנצע ערציילונג צילט נור אויף דיזען וויכטיגען געגענשטאנד · וואס איז ביי אונז ידען פיל שלימער בעשטעלט (איינגעפירט) אלס ביי אנדערע נאציאנען · אונ איז אלזויא דער שפרודעל (מקור) פון אונזער ארמוטה · עלענט · פעראכטונג · אונצוכט · פרוד לבבות · אונוויסענהייט · פאנאטיזמוס · אבער גלויבען · אונ דער צוא נאך דיא גרעסטע אונטאלעראנט (דאס ניט ליידען קענען

איינעם

אֵיינֶעם אַנְדֶערֶען וָואס נוּר דֵיינְקְט אַנְדֶערְס · לְמָשָׁל אַחָסִיד אַמִתְנַגֵד אַהָסִידוּ׳ דִיא בֵּיידֶע אֵיינֶען אוֹיף גֶעקְלֶערְטָן · אוּנ עֶר זֵיי בֵּיידֶן נִיט) דִיזֶם אַלֶס וָואלְט בַּייא אַיינֶע גוּטֶע עֶרְצִיהוּנְג אַרָאפְּגֶעפַאלֶען פוּן אוּנְז וִויא אַקְלֵייד · אַם פֶערְדְרִיסְלִיכֶען אִיז עֶס יֶעדֶען גוּט דֵיינְקֶענְדֶען בַּייא זַיינֶעם גֶעפִינֶען טְרָאץ (נֶגֶד) דִיזֶעם גְרוֹיסֶען מַאנְגֶעל פוּן עֶרְצִיהוּנְג · בַּייא אוּנְז יוּדֶען · דִי גֶעלֶענְצֶעסְטֶע פֶעהִיגְקַייט (שְׁפַּאסְאבְּנַאסְטֶען) קָאפּ אוּנ הֶערְץ · דֶער צוּא נָאךְ אֵיינֶע גֶעטְלִיכֶע רֶעלִיגְיָאן · אֵיינֶע הֶעכְסְטֶע מוֹרַאלִישֶׁע אוּנ אוֹיפְגֶעקְלֶערְטֶע רֶעלִיגְיָאן · וָואס אִיר וַואהְרֶע אַבְּזִיכְט אִיז אוּם גְלִיקְלִיךְ צוּא מַאכֶען אוּנְז אִין בֵּיידֶע וֶועלְטֶען נוּן הֵייסְט עֶס דָאךְ מִיר ווִילֶען קֵיין גֶעבְּרוֹיךְ מַאכֶען פוּן דֶעם פָאלְמַאכְטְס בְּרִיף (אָנְוַוייזוּנְג) וָואס עֶס אִיז אוּנְז גֶעגֶעבֶּען גִיוָוארֶען פוּן גָאט אוּנ פוּן דֶער נַאטוּר אוֹיף דִיא וַואהְרֶע גִיטֶער דֶעם לֶעבֶּענְס · אָ וֶוער וָואלְט אוּנְזֶער גְלַייכֶען גֶעוֶועןְ וֶוען מִיר וָואלְטֶען עֶס וִויסֶען וִויא צוּא בֶּענוּצֶען :

אוּנְזֶערֶע רֶעלִיגְיָאן הָאט מִיט דֶער צַייט בֶּעלוֹיכְטֶען דִיא גַאנְצֶע וֶועלְט וִויא דֶער פָּסוּק זָאגְט (והלכו גוים לאורך) אוּנ מִיר גְרַאדֶע זַיינֶען גֶעבְּלִיבֶּען צוּרִיק אִין דוּנְקֶעלֶען · פֶערְזוּנְקֶען אִין אֵיינֶער גְרָאבֶּען אוּנְוִויסֶענְהַייט צֶערְפַאלֶען מִיט דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט · מִיט דֶער נַאטוּר · מִיט דֶער וַוייזְהַייט · מִיט דֶעם לֶעבֶּען זֶעלְבְּסְט · דֶען מִיר לֶעבֶּען גָאר נִיכְט · מִיר טְרֵיימֶען נוּר פוּן אֵיינֶער דוּנְקֶעלֶן פֶערְנֶעבֶּעלְטָן (פֶערְהַמַארֶעטֶן) פֶערְגַאנְגֶענְהַייט (עָבָר)*) אוּנ

קימערען

*) דָאס הֵייסְט מִיר לֶערְנֶען אוּנ שְׁפְּרֶעכֶען אַלְץ פוּן דִיא יָארֶען · וָואס מִיר הָאבֶּען פַאר אַיָאר אַכְטְצֶעהֶען הוּנְדֶערְט פֶערְלֶעבְּט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל · אוּנ דָאךְ נִיט וִויסֶענְדִיג אוֹיף קְלָאר וִויא עֶס אִיז דָארְטִין פַּאסִירְט מִיט אוּנְז · בִּפְרַט נָאךְ אִין בַּית שֵׁנִי · אוּנ וֶוען נִיט דֶער יוֹסִיפוֹן וָואלְטֶען מִיר נָאר נִיט גֶעוואוּסְט וָואס דָארְטִין וַואר מִיט אוּנְז :



קִימֶערֶען אוּנְז גַאנְץ וֵוייניג אִיבֶּער דִיא גֶעגֶענְוַוארְט (אִיצְטִיגֶע צַייט) מִיר לֶעבֶּען וִויא דִיא אַמְפִיבִּיֶען (דָאס הֵייכְט אַזֶעלְכֶע בְּרוּאִים וָואס לֶעבֶּען אִין וַואסֶער אוּנ גֵייעֶן אַרוֹיס זוּכֶען נֶעהְרוּנְג אוֹיף דֶער יַבָּשָׁה) דָאס הֵייסְט מִיר אַלֵיין וואוֹינֶען אִין הִימֶעל אוּנ גֵייעֶן אַרָאפּ צַייטְעֶנְוַויים אוֹיף דֶער עֶרְד אוּם נֶעהְרוּנְג צוּא זוּכֶען אוּנ פְלִיהֶען ווִידֶער צוּרִיק אִין הִימֶעל אוּנ קִימֶערֶען אוּנְז גַאנְץ וֵויינִיג אוּם דֶעם וואוֹיל אוּנ וֵוייהֶע פוּן אוּנְזֶערֶען אִירְדִישֶׁען לֶעבֶּען (חיים הארציים) וָואס עֶר אִיז בֶּאֱמֶת אַיין גְרוֹיסֶער אַיינְבֶּעדִינְג (תְּנַאי כָּפוּל אָדֶער אֵיינֶע נוֹיטְוֶוענְדִיגְקַייט) צוּ יֶענֶעם לֶעבֶּען דָאס נוּר דַארוּם זַיינֶען אוּנְזֶערֶע סִפְרֵי קוֹדֶשׁ תּוֹרָה נְבִיאִים וּכְתוּבִים פוּן אַלְץ מִיט דִיא פֶערְשְׁפְּרֶעכוּנְגֶען פוּן אִירְדִישֶׁע בֶּעלוֹינוּנְגֶען (שְׂכַר) פִיל מֶער אַלְס מִיט דִיא פֶערְשְׁפְּרֶעכוּנְגֶען פוּן הִימֶעלִשֶׁע בֶּעלוֹינוּנְגֶען (עולם הבא) זֶעלְבְּסְט אִין קְרִיאַת שְׁמַע וָואס אִין אִיר אִיז דִיא רֶעכְטֶע קַבָּלַת עוֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם אִיז גֶעזָאגְט וֶוען מִיר וֶועלֶען גֶעהָארְכֶען גָאט אוּנ הַאלְטֶען זַיין גֶעבָּאט וֶועט עֶר אוּנְז גֶעבֶּען רֶעגֶען אִין דֶער צַייט דָאס מִיר זָאלֶען הָאבֶּען גֶעטְרֵיידֶע (תְּבוּאָה)· אוּנ וַויין אוּנ אֵייל · אוּנ וֶוען נִיט וֶועט קֵיין רֶעגֶען זַיין אוּנ דִיא עֶרְד וֶועט קֵיין פְרוּכְט גֶעבֶּען · אוּנ אַזוֹיא אִיז אוֹיךְ צוּא זֶעהֶען פוּן דִיא בְּרָכוֹת אוּנ קְלָלוֹת וָואס קוּמֶען פָאר אִין בְּחוּקוֹתַי · דָאס זֵייא רֵיידֶען נוּר פוּן אִירְדִישֶׁע עִנְיָנִים (מעניני עולם הזה) · אַלְזוֹיא מוּז עֶס גֶעווִיס זַיין דָאס מֶען קֶען נִיט זוֹכֶה זַיין אָן דֶעם שְׂכַר פוּן יֶענֶער וֶועלְט וואוּ מֶען הָאט נִיט פְרִיהֶער דִיא וֶועלְט · דָאס הֵייסְט וואוּ מֶען זָאל דָא אִין דִיזֶעם עוֹלָם נִיט פְרִיהֶער לֶעבֶּען וִויא גֶעהֶערִיג · הָאבֶּען אַיין עֶרְלִיכֶען אוּנ גֶענִיגֶענְדֶן אוֹיס קוּמֶען · אוּנ וֶוער פוּן אוּנְז הָאט עֶס זֶעלְבְּסְט · אוּנְזֶערֶע רַייכֶע לַייט וַוייסֶען אוֹיךְ פוּן קֵיין לֶעבֶּען · אִימֶער פֶערְדְרַייט אוּנ פֶערְזָארְגְט בֶּעלַאסְטֶעט מִיט קִינְדֶער אוּנ מִיט קִינְדֶערְס קִינְדֶער בִּיז אִין גְרוֹיסֶען אַלְטֶער · אוּנ שְׁטַארְבְּט נָאכְהֶער אַלְס אַיין יוֹרֵד אוּנ הָאט נָאךְ פוּן וואוּנְדֶער צוּא דֶער צֵיילֶען דָאס עֶר אִיז נִיט

אנגעקיבען

אנגעקוקט צוא קינדער*) אדער גאר אלס בעטלער צום בעטעל ברויט וויא דיזער פאל געשעהט אימער ביא אונז ·(קום אהער מיינע טייערע לעזערין לאמיר ביא זאמען ארין שפאצירען דא אין אונזער איניווילידענהויז (באגעדעלנע) וועמען וועסט דוא דארטין פארט ניט געפינען זיבענדיג (דארענעדיק) פון אונזערע איינוואוינער !) מענער אונ פרויען וואס ווארען גרויסע בעלי בתים· בעלי צדקות · וואס האבען גרויסע ראללען געשפילט אין אונזער שטאדט · גרויסע סוחרים · עס וועט דיר רויט ווערען דיין

געזיכט

---

*) אין אויס: לאנד אין איינינע שטעדט איזט איינגעפירט אין איניווילידענהויז אויך פאר סוחרים · דאס יעדער וואס צאלט איין ביז אין זיינעם פירציגסטען יאהר פון זיינעם לעבען הונדערט טאלער בעקומט אין זיינעם זעכציגסטען יאר אין דיזעם איניווילידענהויז איין אפארטען צימער מיט אלעם וואס נייטיג איז צו איינעם בעקוועמען (וויגאדנעם) לעבען· מעביל בעטצייג · שוכען אונ קליידען קעסט דיא בעסטע · בעלייכטונג · וועס אונ בעדינונג · אונ ווען ער דאפעלט איינגעצאלט האט ווערט ער דארטין אויף גענומען מיט דער ווייב אין איינעם דאפעלטען גרעסערען צימערען · עס איזט דארטין דא אויך איין שפאציר גארטען · איינע גרויסע ביבלאטעקע · איין באד שטוב · אונ דאס גלייכען · דיזער אנשטאלט איז זייער רייך · ווייל פילע וואס צאהלען דארפען עס ניט געברויכען : מאנכער ערלעבט ניט דיזען אלטער · עס איז צו ווינצען דאס אזויא איין נייטיגער אנשטאלט זאל איינגעפירט ווערען ביא אונז אויך וועלכר איזט עס ניט אין שטאנדע איינצוצאהלען הונדערט רובל אין דעם גאנצען פערלויף פון זיינעם לעבען · ווי פיל רובל גיט מען ניט אוים אין די שיינקן אונ אויף אנדערע מותרות · אונ מען קימערט זיך גאר ניכט פאר דיא אלטע יאהרען · דאס מען זאל דאן געזיכערט אונ געשטארקט זיין מיט אלעם גוטען :



געזיכט אום זייא אנצוזעהען · עס וועלען דיר דיינע אויערען געלען (קלינגען) הערענדיג זייערע נעהמען · זייא ליגען דארטין וויא געשטארבענע נאך פאר זייער לעבען · גאנץ פערגעסען פון אללען וועלטען · אונ דיזעם אלעם איז שולדיג נור דיא שלעכטע ערציהונג · דען אן דעם איז שוין דער סוחר גאר קיין סוחר אונ אזויא דער האנדווערקער איזט קיין האנדווערקער · אויך זעלבסט דער געלעהרטעסטער מאן אונ אזויא אויך דער העכסט געבילדעטער מאן בלייבט אהן איינע ערציהונג איין געלערטעס טהירי נור איין נול נורי אונ ווייטער גאר ניט · עס איזט צוואר מיינע טייערע לעזערין דאס מיר יודען האבען אונטער אונז קיינע קאפיטאלנע פערברעכען (גראבע זינדע) · צום ביא שפיל מיר זיינען קיינע מערדער · קיינע רויבער · קיינע גראבע טריגער קיינע דיבע (גנבים) · אויך קיינע זויפקערלע · אונ זיינען אין מאנכע זאכען ניצליכע מענטשען אין לאנד דען מיר בעלעבען איבער אל דאס געשעפט וואו נור מיר לעבען אונ וואוינען · ביא אלעם דעם האבען מיר גענוג אורזאכען אונז זעלבסט אנצוקלאגען פאר זיך אליין · דאס הייסט מאכען אונז זעלבסט שולדיג אונ קיינעם אנדערען אזויא איצונד אונ אזוי פון לאנגעדאטע · דאס מיר פארשטייהען ניט וויא אוים צוא בעסערען אונזערען שלעכטען מעמד אונ צוא מאכען אונז אויך בעליבטער ביא אונזערע מיט מענטשען דיא קריסטען · מיר האבען גיקענט פון לאנג אן אונ קענען נאך איצונד אויך פיל בעסער לעבען דא אין רוסלאנד אלס מיר האבען ביז אהער געלעבט· ערסטענס זיינען מיר דיא איינציגע מאנעפאליסטען (אליינהענדלער) אין גאנצע פערצען גובערנעס וואס עס איזט ערלויבט אונז צוא וואוינען אין זייא · דען מיר האבען קיין קאנקורענט אין דעם קריסטען (גאנץ ווינציג) · אונ דיזעם איז איינע פיל, גרעסערע שטרעקע לאנד אלס גאנץ פרייסען · אונ דאך זיינען דארטין אונזערע ברידער ביא דעם דארטיגען גרויסען קאנקורענץ פון דער

קריסטענוועלט

קריסטענוועלט העכסט גליקליך · הייך אונ בעליבט · אונ דיזעס איזט נור ווייל יענע האבען ערציהונג · אונ מיר האבען עס ניט · יענע זיינען עכטע קויפלייטע · אונ מיר זיינען נור סאחער יודען סאחערען מיט דיא טייערסטע ווארע וויא איין קריסטליכער בעטלער מיט געפונענע תפילין אונ פיהרען זייער שלעכט אוים · נייין אום רעכטער קויפמאן צוא זיין מוזען אונזערע קינדער וויא אין פרייסען אונ וויא אין אלע ציוויליזירטע לענדער פון זייערע יוגענדסטע קינדהייט אן דינען אין דיא געשעפטען פון רעעלע קויפלייטע · דען דער געשעפט איז אגרויסער לימוד · איין שטודיום אזוי גאר וויא דיא דאקטעריי דען דער געשעפט האט אויך זיינע פאקען · זיינע מאזלען · זיינע סקארלעטין אונ אויך זיינע חאלעריעס אונ זיינע אנשטעקענדע קראנקהייטען · ליידער ביי אונז ווערען אונזערע קינדער סוחרים גאנץ אונגעריכט גאר אן דיא מינדעסטע פארברייטונג אונ פארקערונגען וויא ביי דיא וואלינער חסידים איין גוטער איד · ערווארפט אוועק דעם בייציל אונ ווערט אקדוש · ביז זיין אכטצעהענטען יאהר האט ער זיך געפרובירט נאר וויא ארב צוא ווערען · אונ האט גילערענט אזעלכע זאכען על פי רוב וואס ווארען געברויכט אין ארץ ישראל פאר אכטצעהען הונדערט יאהר אדער וואס וועלען געברויכט ווערען אלס משיח וועט קומען · אונ דאן וועט מען אויך עס ביי אים ניט פרעגען · אונ נאכהער אלס ער ווערט איין מטופל אונ דיא נויט איז ביי דעם מיר שוין ווערט ער עם אסוהר · שאדעט זיך אונ שאדעט דעם אנדערען :

אונ צווייטענס שטעהעט דאך אפען גאנץ רוסלאנד פאר אונזערע האנדווערקער · זייא קענען דארטין פיל בעסער לעבען אלס דא דען מיר האבען שוין גענוג פראבען דער פון דאס דיא איינציגע וואס זיינען אהין אוועק איז זייא דארטין זייער גוט · דיא רוסען זיינען גאנץ טאלעראנט (זיינען סובל יעדע פרעמדע רעליגיאן) אונ פריינדליכע פון נאטור · רוסלאנד איז גענוג גרוים

אונ



אונ בריית אויף צוא נעמען אונזערע האנדווערקער אלע דיא אומגעגענדען פון דער וואלגע אליין קען פילע טויזענדע ארבייטער געברויכען אונ געבען ברויט מיט פוטער · עס וואנדערען אבער גאנץ ווייניג אהין אריין בלייבען דא ליגען וויא דיא מאמע האט זייא געהאט · זייא וואגען זיך ניט אזויא גאר איין שריט ווייטער צו טאן (וואנדערען) אום דיא האנדווערק זיינע בעסער צו ערלערנען · זייא בלייבען דא שטעקען אין נויט · אין עלענד אין דלות · אונ דיזעס אלעס איז דיא פרוכט פון איינער שלעכטען ערציהונג נור :

דיזער גרויסע ערציהונגס מאנגעל וואקסט הערויס ביי אונז יודען אם מעהרסטען פון דער ביזהעריג גאנץ שלעכט פערשטאנדענע רעליגיעזעטעט (פרומקייט) · הויפט זעכליך אונזערע הדרים · וויא דיא ווארהייט צוא זאגען זיינען נתיסד געוואָרען נאך אין דיא צייטען פון אונזערע חכמים צום וואויל פון אונזערע יוגענד (קינדער) זיינען מיט דער צייט געווארען העכסט אויסגעארטעט (פערדארבען) אונ זיינען אלזויא דיא גרעסטע אורזאך פון אונזערע שלעכטע ערציהונג · דען דיא קינדער ווערען דארטין פארדארבען פון גייסט אונ קערפער · א מיינע טייערע לעזערין · עס פעלט מיר אן צייט אונ רוים (פלאץ) אונ אויך אן ווארטען אום צו מאכען דיר איין עכטען בעגריף פון איין אידעשען חדר · דוא מוזט עס בעסער זעהען אלס הערען · דער איז עס העכסט נייטיג צו וויסען דען פערגעוויס ווען דוא ניט שוין מוטער ביזט וועכט דוא דאך איינכט עס זיין · אלזויא וועסט דוא שוין פערשטיין וויא צוא פארשוינען דיינע קינדער מיט דיזען שעדליכן אנשטאלט (זאוועדענע) · אונ ביי אלעם דעם מוז איך דיר אין פראוים איין קליינעם אדער גאנץ קנאפען באגריף מאכען דאריבר · אום דוא זאלסט בעסער פערשטיין וואס דוא דארטין זעהן וויירסט · איך וועל דיר אין קורצען מיינע קינדהייט בעשרייבען · דאס הייסט מיין זיין אין חדר · מיינע מלמדים · וואס ווארען דאן פיל

בעסערע

בעסערע און ערליכע אלס היינטיגע · מיין לערנען דארט · און מיט וואס איך בין ארויס פון דארטין אין גאטעס וועלט :

קוים וואר איך פירטע יאר · איך האב נאך ניט גיקענט רעכט שפרעכען דען עס האבען מיר נאך געפעלט מאנכע בוכשטאבען אין מונד · בין איך שוין צווייא מאל אין מאנ… געווארען געקוועלט (געמאטערט) פון איינעם גרויסען בעהעלפער וואס האט אנגעהויבן צו לערנען מיט מיר א״ב · דער אנפאנג האט זיך אנגעהויבען מיט צוקער · זיסע ווערטער · מיט אלעקעך · מיט אגראסען וואס איין גוטער איינגעל (מלאך) האט מיר צוא געווארפען פון אויבען · און נאכהער האבען זיך דיזע אלע טיישענדע (טריגערישע) מיטלען אומגעוואנדעלט אויף דיא העכסט שטרייגנסטע מיטלען · דער בעהעלפער האט שוין מעהר ניט געהאט איין פריינדליכעס געזיכט נור איינע העכסט שטריינגע מינע · אן שטאט אלעקאך פלעגט ער אנידער לייגען לעבען אל״ף בי״ת איין צופלינקע · אנשטאט אגראסען וואס דער איינגעל פלעגט מיר ארונטער צו ווארפען פלעגט מיר ארונטער צו פליהען אשטורך ארוק אין פלייצע · דער בעהעלפער איזט מיר באלד געווארען איין שרעקבילד · איין פלאגע גייסט · זיין נאמען אליין וואר מיר שוין גענוג צו לעהמען מיין מונטערען גייסט זיין ערשיינען אין שטוב האט אויף מיך גיווירקט וויא דאס ערשיינען איינעם וואלפס אויף דיא שעפעלע · אגאנצעס יאהר וואר איך געקוועלט (נעמאטערט) אונטער זיינע הענדע · איך וואר געקיילט און געביילט און בין ארויס פון אים מיט געלבע און בלאע ציבען דער צו נאך מיט אביסעלע עברי וואס עס איז מיר דער נאך אין מיינע עלטערע יארען אנגעקומען פיל שווערער צוא פערגעסען אלס דאן צו ערלערנען עס · דען ער האט מיך גילערינט מיט גרייזען · פיל מער שלימער איזט מיר ערגאנגען נאכהער אין מיינעם ערסטען חדר :

דער חדר וואר איין ענגער שמאלער צימער · אנאסער ·





אקאלטער · אצדנער · מיט דרייא שכנים · עס ווארען בייא דעם רעבען מעהר אלס צוואנציג קינדער פון פאר שיידענע אלטער · און פון גאנץ פערשיידענע כתות · עס וואר דארטין איינע ווארע העלע · איך האב דארטין באלד פארלארען מיינע פרישע פארבע · איך בין געווארען געל וויא וואקס פון צאד · פון דער פערפעסטעטע לופט · פון דער איינשפארונג · דען איך וואר דארטין איינגעשלאסען אגאנצען טאג · איך האב דארטין פערלארען מיין אפעטיט · דער צוא נאך וואר איך טיכטיג געשלאגען · געשמיסען · דער רבי וואר שוין קיין יונגער מאן און דאך אגרויסער ניוועז · האט מיר ארויס גענומען גאר דיא געזונד · פאר דיא אויס ריידעניץ פון רש״י בייא יעדער ערסטע פרשה פון יעדער סדרה · דיא אויס ריידעניץ פון ואני האט מיר געקאסט גאר דיא געזונד · בייא דעם פסוק „נח איש צדיק תמים" וואר איינע פערפאלענעם · נאך מער האב איך דארטין געליטין פרייטיג פאר דעם אוועק גיין אהיים · מען האט מיך געשמיסען פאראויס דאס איך זאל ניט שטיפען אין דער היים · אם שלימסטין איז עס צוא גיגאנגען פאר איין יום טוב דען דאן האט אונז דער רבי גילערענט שטאטיק אדער דרך ארץ · דיזעס איזט בעשטאנען אין דעם · דער רבי פלעגט אונז אויס שטעלען אין איינער כרייגע (צייל) מיט דער צופלינקע אדער צוכטרוטהע אין דער האנד און פלעגט לערנען אונז וויא מען זאל זיך דער גיין בייא דעם גוט יום טוב ביטען · וויא דוא וועסט אריין טרעטען מיט דעם טאטען אין דער שטוב פון דעם וואס ער וועט דיך פירען צו איב גוט יום טוב ביטען זאלסטו געבען אגעשרייא אין דער הויך „גוט יום טוב" און דער נאך אלס מען וועט דיך בעטין זיצען זאלסט דוא זיך ניט זעטצען · מען מעג דיר זאגען אפילו צעהען מאל זעצע דיך איינגעלע זאלסטו זיך ניט זעטצען ביז מען וועט זאגען „זיץ בהורעל" דאן זאלסט דוא פערקאסערען דיא פאלע פון דער קאפאטקע און זיך זעטצען מיט אראפגעלאזענע הענט און מיט

אראפ געלאזענע אויגען · אונ דער נאך אלס מען וועט זאגען טרינק איינגעלע ליפעץ · זאלסט דוא אגישריי טאן אין דער הויך פא ואניסקי (דאס הייסט וויא מען שרייעט אויס ביא דעם אויס ריידעניך פון ואני בבואי מפדן ארם)׳ "וויל איך ניט" מען מעג עס דיר זאגען אפילו צעהען מאל זאלסט דוא אליך ניט טרינקען אונ שרייען נאר "וויל איך ניט" מיט דעם זעלביגען שפיציגען קעלכעל פון ואני · ביז מען וועט דיר זאגען טרינק בחורעל · אונ דער צו נאך אגלעט אין בעקעלע · אונ מען וועט דיר זאגען דו ביסט אשיין בחורעל אונ ביסט ווערט אשיינע כלה דאן זאלסטו מאכען אברכה נאך העכער שהכל · אונ ווען מען וועט דיר מכבד זיין מיט וויין זאלסט דוא מאכען אברכה בורא פרי הגפן · אונ אויף דיא לעקאך אונ טארט בורא מיני מזונות · אויף איינגעמאכץ שהכל :

דיזער לימוד האט מיר געקאסט געזונט אונ טרערען · דען עס וואר איין גאנצער מוסטר · ניט בעסער איז מיר גיגאנגען אין מיינע אלע איבעריגע חדרים · אונ אין מאנכע זאכען נאך פיל שלימער יע מעהר דער שפעטיגערע רבי וואר גרעסער פאר דעם פאריגען וואר ער אליך מער שגעוונעוואטער אונ בויקער · דיא למודיות ווארען צוא הויך פאר אים אונ פשיטא שוין פאר מיר אין זיינעם נייניטען יאהר האט מען שוין געלערענט מיט מיר כתובות מיט תוספות אונ מהרש"א מיט מהר"ם שי"ף · אונ אליך מיט שלאגען אונ מיט ריטער · אזויא וואר איך בעהאנדעלט פון מיינע רעביאים אין מיינעם גאנצען קינדערים עלטער אונ בין ארויס פון אונטער זייערע הענט וויא דיא ווארהייט צו זאגען · אן כוחות אן מוחות · איין האלב פערריקטער דאס איך האב ניט גיקענט אויף פאכען אין ענין אויף איינעם גראדען וועג דען מען האט מיר פערקרימט מיין גראדען פאר שטאנד מיט פשעטליך · דער צו נאך מיט איינעם איינגעוואורצילטען האס געגען דען ניכט יודען · איינע פעראכטונג אונ האב אין זיי איינגעזעהן נור טיראנען יודענפיינדע איך האב זייא אויס געמידען וויא דיא פעסט · איין שוידער פלעגט

מיר



מיר איבער צוא פאלען דאס אזויא איינער איז אריין צוא אונז אין שטוב*) עס האט פילע יאהרען נאכהער גידויערט ביז איך האב מיך אפגעוועהרט דער פון · נאך מעהר איך בין ארויס פון מיין חדר מיט איינער העכסט אויפגערעגטע (אויפגעוועקטע) ליידענשאפט (אום ריינע געדאנקען) ערסטענס וויל עס וואר מיט מיר גילערינט אזעלכע ענינים פון עהעשטאנד (מאן אונ ווייב) וואס אקינד דארף נאך קיין בעגריף האבען דער פון · צווייטענס וויל איך האב מיך געגוג אנגעהערט דארטין פון די שכנים אונ שכנות פון דיא בחורים אונ מאדען וואס האבען דארטין געוואוינט אונ האבען געהאט אומציכטיגע מיילער · אונ ווייהע דעם קינד וואס זיינע אויערען הערען עס · דאס זיינען שפריהענדע פונקען אין איינעם פולווער קאסטען · נאך מעהר עס האבען צו זאמען גילערענט מיט מיר אין חדר אזעלכע בחורימלעך וואס זייערע עלטערען האבען געהאלטען פריידענהייזער :

אונ פון מיינע אלע לערנונגען וואס איך האב גילערענט אין דיא חדרים ביז מיין אכצעהענטען יאר האב איך ניט ארויס געטראטען וויא דיא ווארהייט צו זאגען ניט אין איין ענין וואס איך זאל עס קענען בענוצען פיר איינע פון דיא ביידע וועלטען · פיר דיזע וועלט געוויס ניט · דען איך האב ניט גיקענט שרייבען אונ ניט לייענען קיין בריף אונ פשיטא שוין ניט קיין רעכענען · קיין בעגריף געהאט אין דער וועלט פון קיינע געשעפטע · אונ פיר יענע וועלט אויך גאנץ ווייניג · דען מיינע רעביאים האבען מיט מיר קיין דין גילערענט פון דיא ענינים וואס גיהערען צוא דעם טעגליכען לעבען · זייא האבען אין מיר ניט איין געפלאנצט ריינע גאטטעס פורכט · קיינע עיקרי הדת · זייא האבען ניט געקוקט אויף מיין דאוונען ניט אויף מיין בענטשען ניט אויף

מיינע

*) עס שטייט אין מגיד דאס פאר אכטאגען איז גישטארבען אמלמד פון שרעק דאס אגאראדאוואיער איז אריין צו אים אין שטוב :

מיינע מרות׳ מען האט מיט מיר גילערענט נור אזעלכע זאכען וואס
וועט מיר קיין מאהל זיין אנבעלאנגט ׳ הלכות אישות ׳ טומאה ׳
טהרה׳ דיני קרבנות ׳ אין דיזעס אויך אלץ מיט פשעטלעך
אונ פערדרייענעס ׳ אונ אום דאס ביסעלע וואס איך פערשטייע
איצונד האב איך פיל מעהר צוא פארדאנקען אנדערע געטליכע
סבות אלם מיינע הדרים׳ וואס איך האב גענוג מיהע צוא
פערגעסען מאנכע פאלשע פשטים וואס זייא האבען מיך דארט
איינגעלערענט אונ מאנכע דומהייט וואס איך האב דארטין
איינגעזויגען פון דיא גרויסע אונוויסענהייט אונ שגעונות פון מיינע
רעביאים אונ רעבעצענס ׳ אונ אויך שכנות ׳ די צווייטע סבה פון
אונזערע שלעכטע ערציהונג איז וואס מיר האבען קיינע ניצליכע
פריידיגער (מגידים) ׳ זייא פערשטייען זיך ניכט אויף דיא מענגעל
(דיא פעלערען) פון אונזערע איצטיגע דורות ׳ זייא היילען נור
דיא שוין לאנג פערנארבטע (פערשטרופטע וואונדען) אבער ניט
דיא פריש גיעפענטע וואונדען ׳ מיר האבען ביז דיזען דור
געלעבט נור וויא דיא וואנצען אין דיא שצעלקעס פון די ווענט ׳
וואס געווערען זיך פון איין עיפוש ׳ מיר האבען געלעבט פון
שיינקארסטווע ׳ פאקטארסטווע׳ מעקלארסטווע׳ פון קליין האנדל׳
מיר זיינען געשטאנען געבייגט אין דרייען מיט דיא הוט אין האנט
פאר דעם פאלנישען פריץ׳ מיר האבען ווייניג געדארפט דען עס
וואר אגרויסער זול אין לאנד׳ אונ דער צוא נאך גאנץ ווייניג
געברויכט ׳ אונ בייא אלעם דעם ווארען קוים צעהן פראצענט
פון אונז בעלי בתים ווייטער ווארען בעטלר קבצנים ׳ טעג
פרעסער ׳ ווייל עס וואר דאן ערלויבט צוא זיין איין ארעמאן
אונ מען האט גיוואלט זיין ארימעלייט ׳ ווייל דער בעטעל ברויט
שמעקט זייער זיס ׳ איצונד אבער דא מיר זיינען שוין אין דער
גרויסער וועלט אריינגערופען געווארען ׳ אונ מען קען שוין ניט
לעבען פון דיא ארמוטה אליין ׳ דען דיא בעדערפענעס איז שוין
גרויס ׳ דיא טייערונג איז שוין גרויס ׳ אונ דיא ארמוטה איזט





געווארען צור לאסט אונ איז נאך פארבונדען דער צו מיט שאנדע
אונ מיט געפאר ׳ מיט לעבענס געפאר אונ מיט דער געפאר פון
דיא זעליגקייט (עולם הבא) דארפען שוין אויך אונזערע
פריידיגער פון וואס וויכטיגערס שפרעכען אלס פון וואס זייא
האבען געשפראכען ביז אהער ׳ בפרט נאך דאס דיא וועלט איז
נאך געווארען פיל אויפגעקלערטער וויכטיגער אונ העלער ׳ עס
דארף מער געשפראכען ווערען צום קאפ אלס צום הערצען ׳
עס דארף געפריידיקט ווערען הויפט זעכליך פון איינער גוטער
ערציהונג ׳ דאס אונזערע קינדער וואס בעקומען שוין בעסערע
בעגריפען פון דער וועלט אלס דיא פאריגע קינדער פון יענע
דורות ׳ בעקומען צוא גלייך אויך איין עהרען געפיהל אונ ווילין
שוין ניט שטיין געבייגט פאר איינעם פאלאק וויא אונזערע עלטערן
אונ פשיטא שוין ניט לעבען פון בעטעל ברויט ׳ מוזען אין זייער
קינדהייט אויף געוויזען ווערען אויף איינע זיכער נארונגס צווייג
(פרנסה) דער צו נאך צו לערנען דיא לאנדעס שפראכע רוסיש ׳
דען אן דעם איז מען איין שטיק פיה (בהמה) וויא דער פסוק
זאגט נמשל כבהמות נדמו (פערשטומט) לבד איינע טיכטיגע
רעליגיעזע (פרומע) ערציהונג פון דיא עלטערען אונ רעביאים
וויא מיר וועלן דא ווייטער שפרעכען דער פון ׳ עס מוזען
פריידיגטע געהאלטען ווערען דאריבער פאר אונזערע ווייבער
אונ טעכטער אן פשעטלעך ׳ אן קונצען ׳ אין איינער גאנץ
פערשטענדליכע שפראכע ׳ אונ ווארום ניט אויך פיר אונזערע
מיידכען ׳ זייא זיינען אויך מענטשען ׳ זייא ברויכען אויך צוא
האבען ריינע בעגריפע (השגות) פון אונזער רעליגיאן ׳ פון דער
רייכער מוראל ׳ זייא דארפען אויך וויסען דאס אונזער פסח
בעשטייט ניט נור אין קניידליך אונ דער שבועות אין געלע חלה
אונ אין בלינצעס ׳ קורץ דער פון אום אמאל גוטע אונ פאר
שטאנדיגע מוטער צו ווערען מוזען זייא זעלבסט פיל מער וויסען
פון גאט אונ פון דער וועלט זיינע :

אונזערע האנדווערקער דארפען אויך קיין פשעטלעך · ער ברויכט צוא הערען נור דאס ער זאל היטען זיינע ארבייט · ער זאל קיינע יהור מאכען · ניט פערדרייען זיך אין חברות · אונ ניט אין דיא שיינקען ליגען · אונ איבער הויפט זייא זאלען איינפיהרען צעלאדניקעס ביי זיך · דאס הייסט זייא זאלען האבען ביי זיך איינגלעך וואס זאלען דינען ביי זייא אויף אגעוויסען משך וויא אין אויסלאנד · וואס נור דאס אליין בערייכערט דעם בעל מלאכה אונ מאכט דעם פועל אויך פיר איין מענטשען · דען ער האט ניט קיין התונה ביז וויא לאנג דאס ער פערשטייט ניט די מלאכה גרונדליך · אונ ביז ער זוכט זיך ניט אויס איין ארט דאס ער זאל זיך קענען ארענטליך גענערען · אונ אלס ער האט שוין איינע געהעריגע ווירטשאפט איין ווארשטאט מיט צעלאדניקעס · דען זאנסט בלייבט ער איין אביון צייט ער לעבט · ווייל ער מוז זעלבסט זוכען איין קונד · זעלבסט איין קויפען טאוואר · זעלבסט ארבייטען אונ דער ביי דאס קינד אויך צוא וויגען אונ זעלבסט דיא ארבייט אפ טראגען :

עס מוז געפריידיגט ווערען פאר זייא דאס דיא אויס געדינטע פועלים זאלען ציהען נאך רוסלאנד · אונ ניט בלייבען ליגען וויא דיא מאמע האט אים געהאט · וואקסען איינער אויף דעם אנדערען אונ זיינען זיך מקפה פרנסה אונ זיינען כמעט אלע גרויסע אביונים זעלטען דאס איינער פון זיי איז אין שטאנדע צוא לעבען וויא איין מענטש · צוואר מען געפינט אונטער זייא וואויל האבענדע · עס איז אבער צוא אונזערען ליידוועזען ניט פון דער מלאכה · ניין ער איז דער ביי אויך אפאקטאר · אסרסור · אונ דאס גלייכען · איך וועל מיך ניט לאזען איינווענדען פון קיינעם דארין דען איך זעהע עס טעגליך מיט מיינע אויגען אין מיינער גרויסען פאטער שטאט ווילנא · דאס אם ארעמסטען אם עלענסט לעבען אונזערע האנט ווערקער וואס גראדע זייא לויט רעכט בדארפין זייא לעבען פיל בעסער אלס מיר אנדערע וואס מיר

זיינען



זיינען גאר נור ווינט מענטשין זייא קענען נור גיבעסערט ווערין נור דורך קלוגע פריידיגטען · עס דארף זייא אויף גיוויזין ווערין דאס מען קען ניט זיין איין ערליכער איד וואו מען האט ניט איין געהעריגען אונטער קאמען (אויסקומענעס) אן פסלנות אונ אן קאפ דרייענעס :

דיא דריטע סבה איזט פון אונזערע שלעכטע קינדער ערציהונג וואס אונזערע פרויען זיינען ביי אונז דיא גישעפטס פיהרער · דיא מוטער איזט קיינע הייזליכע · קיינע היימיגע · זיצט אין קראם · אין שיינק · לייפט איבער דיא שטאנציעס · דאס גלייכין דער פאטער איז ניט אין גישעפטין · פערשווענדעט ער זיינע צייט אין קלויז אונ דיא קינדער אין דער היים בלייבען אן השגחה · ווילד אן זיטען · אן קענטניסע · דיא גאנצע ווירטשאפט ווערט איבער גילאזין אויף דיא הענד פון איינע פערדארבענע דינסט אדער אם וואס וואר נאך פיליכט איינע פרייסטערען אין איינעם פענום טעמפיל (פריידענהויז) וויהע דער מוטער וואס לאזט איבער אויף אזעלבע הענד דער וואקסענע טעכטער · דאס הייסט מיט אייגענע הענט אונטער געלייגט פייער אונטער זיין אייגענעם הויז · צייט רוים (ארט) אונ זיטליכקייט ערלויבין מיר ניט מיט צו טיילין דיא שרעקליכע ביי שפילין דער פון · אונזערע חכמים האבין אונז אן גיוואונקען דארויף מיט זייער לאגישע (קורצע) שפראכע אין כמה וכמה שטעלין · פון וועלכע איך וויל דא נור איינע אנפיהרן · אונזערע חכמים דרשענען אויף דעם פסוק (אשתך כגפן פוריה בירכתי ביתך בניך כשתילי זיתים סביב לשולחנך : דארט אין מדרש פרשה נשא · ווען דיין פרויא וועט זיין איינע הויזיגע דאן ערסט וועלין דיינע קינדער בליהען וויא אימער פרישע אייל בוימער · אויך זאגן זיי אויף דעם פסוק "יברכך ה' וישמרך" גאט וועט דיך בענצען מיט זין אונ וועט דיר איין היטין דיינע טעכטער · דען וואס נאך דארף נאך אזויא גיהיט ווערין וויא טעכטער · לבד דעם וועהין אלע גישעפטין פאר דארבין · דען פרויען זיינען

בן יחיד בית גישאפין

גישאפין נור פיר די הויזליכקייט אבער ניט צום סאתעריי · וויא אונזערע חכמים דרשענען אויף דעם פסוק (אשר עבדו בהם בפרך) דאס די מצרים פלעגין ארויף לייגען די ארבייט פון מאנס לייטע אויף די פרויען · אונ די ארבייט פון די פרויען אויף די מענער · פאר גיוויס וואר זייער אביזיכט אום צוא פארדארבען אונז :

דיזע אונזיטע (מנהג הרע הזה) קוועלט ארוים נור פון איינער שלעכט פארשטאנדענע פרומקייט · מען דאט עם אזויא איין גיפירט ביייא אונז אידען אום דער מאן זאל האבען צייט צו זיצין אונ לערנען · אונ נאך האט ניט אזוא אמצוה הבאה בעבירה וויא דיזע איז איר גלייכין · מיר זעטצען אוים אונזערע טעכטער אונזערע פרויען אין די קראמען אונ אין די טראקטירען וויא עם האבין עם גיטאן אמאל די מואבים דארט ביייא דער גישיכטע פון פעור מיט זייערע טעכטער אונ פרויען :

לייד ער מערקען עם אונזערע פריידיגער גאר ניט אן אין אלע זייערע פריידיגטען זייא פריידיגין נור איבער די מצות (איבער די גאנצע זובטילע דינים פון די מצות) וואס איז גאר איין מדת חסידות אונ פאר זעהען אזעלכע זאכען וויכטיגע דאס עם איזט זייא צוא פר גלייכען צו איינעם וואס ער האט דר ציילט פון די אלע וואונדערליכע ברואים וואס ער האט זיך אנגעזעהע[ן] אין איין מוזעאום *) · ער האט דער ציילט דאס ער האט גיזעהען דארט די קאליברע · איין פויגעל וואס איז גרויס וויא איין ניסיל · איינע גרויסע פישעלע וואס איז גרויס וויא אי[ן] מאניץ קארען · אונ אלס מען האט אים גיפרעגט וואס זאגסט ד[ו] פון דעם עלפאנט ? גראדע אים האט ער גיענטפערט האב אי[ך] פארזעהען · אין מיינע נאכבארשאפט איז דא אקלייזעל פ
פערד

*) מוזעאום הייסט אזעלכעס וואס איז דארט צוא זעה[ן] אלע ברואים וואס עם געפינען זיך אויף דער וועלט :



פערד הענדלער · האט דארט אין אנפאנג איין זאנער גיזאגט פאר זייא כמה יאהר קבלה · נאך דעם האט אזאנער גיזאגט פאר זייא פילאזאפי · איצונד אלס איך האב גימאכט גרויסע איינווענדונגען דאריבער · האט מען אן גיהייבין צו לערנען מיט זייא פירוש המלות אונ ביסלאך וויים עברי :

אזוא מיינע טייערע לעזערין גייט עם צו ביייא אונז אלס פארקערט אונ מיר האבין איין אבשיי (איין ווידער ווילען) געגען די ארדענונג וויא אנטקעגין די פעסט · אונ ווער עם וויל נור איין עטוואס בעסערין ווערט פערפענט (פאר האסט) · פאר אכטעט · פערקעצערט (פאר איין אפיקורס) גיהאלטען · אונ ביייא אלעם דעם געפינען זיך אונטער אונז מענטשין וואס מיינען גוטעס פאר אונזר נאציאן · שרייבין אונ דרוקען בראסורקעס (קליינע חבורים) אונ צייטונגען וואס זייען אן גימאסטין פאר אונזערע צייטין וואס זיינען העכסט קריטעס (געפערליך) פאר אונז יודען · דען עם האט אן גיהויבין צו הערשען אין זייא (אין דיזע צייט) איין גאנץ אנדערער גייסט · אין אלע ענינים הן אין עסקים אונ הן אין דעות · אונ הן אין מדות · דאס מיר קענען שוין ניט בלייבען ביייא אונזער אלטען שלענדעריאן · דען מיראץ דעם (להכעים דעם) וואס מיר לעבען בעסער אונ בנאהע רייכער אלס אונזערע עלטערין איז דאך איצונד אונזערע לאגע פיל שלימער אונ קריטישער אלס זייער לאגע · זייא ווארען ארעמע לייט · אונ מיר זיינען גיפאלענע בעלי בתים · זייא האבין גיהאט ארמוט אונ מיר האבין מאנגעל · אונ דער נויט ברייננט אונז אזויא ווייט וויא ער קען דאס טויזענדע פון אונז מוזען אוים וואנדערען אין אנדערע לענדער · זייא זיינען פול אין טייצלאנד · איז איינגלאנד · אין טירקייא · אין אמעריקא הויזערען דארט · בעטלען · אונ זייען דארט העכסט פאר אכטעט וויא עם איז צו לעזין אין אלע צייטונגען אונ בעשרייבונגען אין
איינגלאנד

איינגלאנד איז איין פולישער יודע פסול לעדות ולשבועה · אין טייצלאנד ווערין זייא צוריק גיוויזען פון יעדען הויז · אזויא ווייט מיינע טייערע לעזערין זיינען מיר גיזונקען · אונ גאט ווייס וואס עס ערווארטעט אונז אין דיא צו קונפט (אין עתיד) דאס דיא אויף קלערונג שטארקט זיך פון טאג צוא טאג · וואס ביי איר איז דיא ארמוט איין פערברעכען · דיא פוילקייט איינע קרימענאלנע זינדע · רחמנות איינע שוועכע (שוואכקייט) · איינע איבער שפאנטע פרעמיקייט איז איינע דומהייט :

עס ווערט ביי איר יעדער מענטש גישעצט נור נאך זיינעם ריכטיגען ווערט · אונ אזוא אויך יעדער ספר וואס זיין מחבר קען זיין דער גרעסטער מאן · עס ווערט ניט געשוינט פון איר קיינע פעריארט (אלט געבאקענע) היילינקייט · אירע קריטיק איזט שטריינג אונ טרעפענד · עס בלייבט ניט פערשוינט פאר איר קיינע הויז · קיינע שטאט זיא מעג זיך זיין העכסט ארטאדקסיש (אלט מאדעם) · זיא גלאפירט (לייפט פאצט) אונ דרינגט איין גאנץ שנעל גאנץ אונפערזעהענס (אונגעריכטער הייד) זעלבסט אין דעם טיפין חסידיסמוש · אלזויא מיינע טייערע לעזערין מוז מען גאנץ פארזיכטיג זיין ביי דעם ארויס לאזען אקינד אין אזויא אליכטיגע וועלט וואס גילט ניט אין איר מער איינע טוישענדע (אבמאנציוא) דעקאראציע (טעאטראלנע געמעלדע) · ער מוז מיט וואס רעעלעם (ריכטיגעם) אונ וויכטיגעם זיין אוים געריסטעט (צו גיקליבען) דאס ער זאל גילטיג זיין אין איר וויא איינע גאנגבארע מינצע · זאנסט מוז ער ענטוועדער בלייבען איין ברויטלאזער מענטש · אדער איין בעטריגער בלייבן · אונ בעטריגעריא אונ שווינדעל איז ביי דיזע צייט איין עלענדעם האנט ווערקע :

גינוג מיינע טייערע לעזערין מיר האבין אונז דא זיך אביסיל צו פיל פאר רעט · דאס איז עס ניט איבעריג עס וועט עס דיר איין ליכט אין לעבען זיין · איך העטע נאך מער גישפראכען

דער

דיקס חדר מתוקן



דער פון פיל מער · מיר פעלט אבער דא אן צייט אונ אן רוים (פלאץ) אונ וועל מיך דאהער דא בעשריינקן (בעגרענעצען) נאר אויף אפאר נייטיגע ענינים: אין קורצען אונ דר נאך פיהרע איך דיר איין אין אונזערע ערציילונגען · דאס ערסטע איז ווידער וועגין דיא חדרים מיר האבין פריהער גישריבען וועגין דעם אונ האב זייא העכסט געשענדעט · נון דריינגט זיך דאס אויף דיא פראגע פון זעלבסט וויא דען זאלען מיר אונזערע קינדער ערציהען אין די רעליגיאן ווען ניט אין חדר ? דיא פראגע איז גוט אבער דער אנטווארט איז נאך בעסער · מיר גיהערען איין צו ריכטין חדרים וויא אין האלאנד וואס די דארטיגע יודען מיינען נאך מיט זייא רעליגיאן אזוא גוט וויא רוסישע יודען דארט טאר נימאנד קנעלען וואו ער עקזאמענירט זיך ניט פריער פאר זיין פאך · דאס הייסט דער וואס וויל קנעלען מיט עברי קינדער מוז ער זיך עקזאמענירען אויף עברי ביי דעם ראבינער · אונ מוז האבין איין צייגנים פון זיין אוצאסטיק דאס ער איז איין בראווער ערליכער מאן · קיין שווינדלער קיין שכרן קיין בעל חוב · אונ וואס ער לעבט מיט זיין פרויא גיהעריג עס מוזען זיין דארויף אונטער שריבען צעהען בעלי בתים פון דיזעם אוצאסטאק · דער צוא מוז ער האבען אויך איין צייגנים פון ווראצעבנע פראווע דאש ער איז איין געזונטער מאן · דאן בעקומט ער דאש רעכט צוא זיין איין מלמד פון עברי קינדער פון גלייכען עלטערי צום ביי שפיל זיבען יאריגע · ער מוז האבען אחדר פון צוויא ריינע טרוקענע אונ ווארעמע צימערען מיט געמאלטע טיש אונ בייק אונ איינעם ארענטליכען געהילפע (בעהעלפער) דער צו · עס איז ערלויבט צו האלטען דארטען פיר אונ צוואנציג שילער · זייא מוזען קומען אהין ניין אונ אוועק גיין צוועלף · קומען דרייא אונ אוועק גיין זעקס · דער פון מוזען גיהאלטען ווערין פיר ארימע אומזיסט · עס ווערט מיט זייא דארט גילערינט שרייבין אידעש · אום שבת נאך האלבען טאג מוז דארט גילעזן ווערן פאר זייא רעליגיעזע אונ מוראלישע · ערציילונגן · עס טאר ניט איז

דיזען חדר אריין קומען קיינע פרעמדע פערזאן זעלבסט דיא פרויא פון דעם מלמד · דיא גיצאלט פאר יעדעס קינד איז דרייסיג טאלער א יאר · אונ אזויא איז דאס זעלבע מיט דעם מלמד ; וואס לערינט תנ״ך אונ גמרא · אם ענדע טרעטין אריין דיא בעסטע פון זייא אין דער ישיבה פון דעם רב ווען דיא עלטערין ווילין עס · וואס דארטין ווערט גילערינט נאך אנדערע ידיעות · יעדער מלמד פארשטייט זיין פאך גאנץ גענוג ליידער איז דיזער פאל בייא אונז ניט · זעלבסט אין אונזער ווילנא האבין מיר קוים צעהען צוועלף וואס זיינען עס · אונ קומען וועק אמשלימסטען :

צווייטינס וועל איך מיר דא איין עטוואס שפרעכין איבער אונזערע גישיכטע זעלבסט איין עטוואס · עס ווערט אין איר דער ציילט פון איינעם מיליאנאווען בן יחיד · אלזויא קענסט דוא דאך מיר איין ווענדין אונ זאגען · דאס אזויא איינע ערציילונג קען נור דינען פאר איין בייא שפיל נור פאר איין מיליאנער · אונ מיר זיינען דאך דא אלע דער ווייל קיינע מיליאנערען · דארויף אבער לאזט זיך אויך זייער לייכט בעאנטווארטין אונ זאגען דאס מיר מענטשין גיהערין אראפ צו נעמען זיך איין פרימער זעלבסט גיט פון אונזער גלייכין · דער גרעסערער גיהערט אראפ צוא נעמען אבייא שפיל פון דעם קלענערין · אונ דער קלענערער פון דעם גרעסערין · שלמה המלך שיקט אונז צוא דער אמייזע (מוראשקע) וואס מיר זיינען פיל גרעסער פון איר אום אפ צו לערנען זיך וויא צוא זיין פלייסיג „לך אל נמלה עצל ראה דרכיה וחכם„ · אונ משה רבינו האט אונז גיהייסין דאס מיר מענטשין וואס זיינען פיל קלענער פאר גאט · זאלען מיר אפ לערנען פון זיינע דרכים „ללכת בכל דרכיו ולדבקה בו„ זאגען דארויף אונזערע חכמים „מה הוא רחום אף אתה רחום„ אלזוא גינוג בעוויז דאס מיר באדארפען אונז אפ לערנען פילע ענינים צוא אונזערען וואול הן פון גרעסערע פאר אונז אונ הן פון קלענערע

פון



פון אונז · אלזויא קען דיר שוין דיזע גישיכטע פון גרויסע נוצען זיין פיל גלייך · צי דוא ביזט ארעם צו רייך :

„דער בן יחיד„ „שואל גיטעלעס„

בעפאר מיר וועלין צו טרעטין צו דעם ווארען העלד פון אונזער געשיכטע*) וועלין מיר איין עטוואס ריידען פון זיינע עלטערין · דער פאטער האט גיהייסען אונ הייסט נאך פילייכט איצונד אויך אזויא · ער לעבט נאך „שואל גיטעלעס„ אויף דעם נאמען פון זיינער שוויגער וואס ווער דיא עקרת הבית · אונ דיא מפרנס פון איר גאנצע הויז · דען מיט איאהר פופציג צוריק ווער נאך דיא זיטע אין ליטע דאס דיא פרויען זאלין מפרנס זיין דיא מאנען · דיא איידעמס וואס ווארען נאר הוילע בטלנים · אונ ווארען דארום גירופין נאר אויף דעם נאמען פון זייערע פרויען · פון זייערע שוויגערס · אונ דיזע זיטע ווער דאן אויך אין אילון דאס דיא שדכנים וואס זיינען מפליא דיא מעלות פון יעדער כלה וואס קענען ניט אנאו אוים שנייצין אזוא גאר וויא דיא נוסחאות מאכער פון דיא מצבות זיינען מפליא דיא שבחים פון יעדעם גישטארבענעם · וואס ער ווער אזויא גאר איין אוים גילאסענער מענטש · פלעגין דאן פריהער פאר אלץ לויבען יעדער כלה דאס זיא איז אגרויסע בריאה · דאש זיא וועט שוין קענען געבין אמאן ברויט עסן · דאהער איז קיינע וואונדער דאס מיר געפינען נאך עד היום אין דיא קליינע שטעט מענער אויף ווייבערשע נעמען · אברעמעל שרה חאנעס · ר׳ יודעל רייצעס · ר׳ חיים גיטקע טויבעס · אונ דאס גלייבען דיזער שואל האט אזויא קעסט גיגעסין בייא זיינער שוויגער צו זאמען מיט זיינעם שוועער · דיזע שוויגער האט גיהייסין גיטיל · האט גיהאלטען אקראם אין

דער

*) דיא פערזאן וואס עס ווערט פון איר דער ציילט דיא געשיכטע ווערט אן גירופין דער העלד פון דער געשיכטע :

דער איטלעזער גאם · איהר טאכטער סערקע וואס וואר די פרויא פון דיזעם ר׳ שואל וואר איינע געהילפין אין איר מוטערס קראם · אונ וואר דער צו זייער איזדאטנעידען אין יענע צייטען וואר די איטלעזער גאם אין אילון די האכשולע (אקאדעמיע) זעלבסט פאר אונזערע אריסטאקראטישע טעכטער · איינע שולע וואס אירע שילערינען ווערין דארט פר דארבען פיזיש (קערפערליך) אונ מוראליש (גייסטיג)· זייא פאר לירען דארט אונ פרלערנען (דאס הייסט זייא פערגעסען) אלע ווייבליכע טוגענדען (מעלות שונות) די צערטליכקייט · די ליבליכקייט· די ציכטיקייט (צניעות)·די שעמהאפטיקייט (בושה) · די ווירטשאפליכקייט · זייא באקומען דארט איינע הערטע (הארטקייט) שטומפפהייט (דאס הייסט זייא בלייבען אן געפיל) עס ווערט פון זייא איין צוויטער (אנדרוגינוס · דאס הייסט אזויא איין מענטש וואס איז אגעמיש פון אזכר אונ אנקבה בייא זאמען) אדער בעסער צו זאגען זייא בעקומען איינע מענליכע זיילע אין איינעם ווייבערשען קערפער אונ בלייבען אלזויא איין מיטיל דינג (איין סרעדניע זאך) וואס וויל ניט געהארכען אונ קען ניט בעהערשען *) אלזויא איז אונז שוין לייכט צוא פאר שטיין ווער דיזע סערקע איז גיוועזען · דאס הייסט פון וועלכען כאראקטער · דער צוא נאך איין גוטער וועטער מויל · איין פייער שפייענדער בארג · דען דאס איז שוין איין איינבעדינג (איין אונפערמיידליכע זאכע) פון דיזע

*) דיזע איטליזע גאס איז נאך עד היום בעזעצט מיט פרויען אונ מיט מיידכען אידעשעי׳ דיזע אלע אבער זיינען וויא ניזאגט פון געמיינעם אונ ארעמען שטאנד · קיין רעכטער באלעבאס אזוא גאר שטעקט שוין ניט אריין זיין טאכטער אין דיזען שמוציקען קאלאק (קאנאל)· גאט זייא דאנק דאס דער גרעסטע טייל פון די אילונער מיידכען זיינען בעשעפטיגט מיט האנד ארבייט · פוצמאכערינען · נייטערקעם · זעמסערקעם אונ דאס גלייכען :



אלעפאיטליזער גאסניצע · אונ האט אזויא גישארט גליהענדע קוילען אויף איהר מאנס קאפף (אויף דעם שואל · נאך אין דעם ערסטין יאר נאך דער חתונה · איינע ווארע קאפיע פון איר מוטער וואס וואר גוט מיט איר פאטער נאר איבער קידוש · איבר די סדרים · איבער יום כפור · דען זיא וואר העכסט פרום אונ די זעלבע וואר אויך איר טאכטער :

דער שואל אבער וואס וואר איין יונגער מאן מיט אגוטע קאפ אונ מיט אפעסטין כאראקטער אונ וואס וואר גינוג שמעטליווע (בערעכענד) דאס עס וועט אים מיט דער צייט ניט בעסער גיין אלם זיינעם שווער · האט בייא זיך גיפאסט דעם פעסטין ענטשלוס אוועק צו ווארפין איר · עס וואר אים אבער זייער שווער אוים צו פירען עס · ערסטענס וויל אין גרונד האט ער איר זייער ליב גיהאט · דען זיא וואר זייער שיין · קלוג אונ גישייט אין גישעפט · צווייטענס האט ער ניט גיהאט וואו זיך אהין צוא טאן · דען וויא גיזאגט ער וואר דא אנגעקומען אלם ארעם בחור · דריטענס וואר דאן זייער שטריינגע מיט פעסער · אונ קיין פאס וועט מען דאך אים ניט געבין · פערטענס האט ער שוין איין אינגעל מיט איר דר לעבט· דר צו נאך איין גאנצר שיינער אינגעלע איין יאנקעלע וואס ער האט אים געליבט וויא זיין לעבן · אלזוא שוין גינוג אורזאך אום צוא דולדען · אונ בייא אלעם דעם האט ער נאך דעם פלאן זיינעם ניט אויף גיגעבין · האט גיליטען פון איר ביז איבער קעכט · אונ דער נאך אלם ער איז שוין ארוים פאר זיך · אונ דער איבעל פון זיין הייזליכען לעבין האט זיך אן גיהויבען צו פערגרעסערין פון טאג צו טאג נאך דעם ערך פון זיינע שלעכטע אומשטאנדין וואש האבין זיך פאר שלימערט פון צייט צוא צייט · דאס ער האט גימוזט אנזעטצען איין מאל נאך דעם אנדערין מאל · דער צוא נאך אפאימקע · דען אין יענער צייט וואר נאך אין די קראמען גיהאנדעלט מיט טרפה סחורה האט ער שוין ניט וילענדיג אלם ווילענדיג

אוים

catch
i.e. caught
red-handed

אוים גיפירט זיין אלטען בעשלום אונ האט גימאכט איין רייזע (אנטלאפען) אוים זאנראניצע · קיין פרייסען קיין פוזנע אין דעם ר׳ עקיבא אייגערס ישיבה · אונ האט גיהאט דארט ביי אים די בעסטע אויף נאמע דען ער וואר ווירקליך איין יונגער מאן איין וואול לערנער ער, האט! זיך אים פארגעשטעלט אלס אנטלאפענער פון אפאימקע וואס דאן וואר ביי אונז די גיזעטצע דאס. ווער עס ווערט ערגריפען מיט אשלעכטין קאנטער באנד, ווערט אפ גיגעבין פאר אסאלדאט :

דיזער גאון האט אים באלד רעקאמאנדירט דארט אלס מלמד צו אגרויסען באנקייא וואס וואר אגרויסער למדן אוי׳ העכסט פרומער מאן׳ער האט ביי אים גיקנעלט מיט זיינע צוויי קינדער אפאר יאהר · אונ האט אין דיזער קורצע צייט דער לערענט די דייטשע שפראכע · אונ עטוואס פראנצויזעס אונ האט צוא זאמען גישארט אטאלער דרייא הונדערט דער ביי איז ער גיווארען גאנץ ציוויליזירט „דאס הייסט וועלטליך" האט בעקומען גאר אנדערע בעגריפין פון לעבען · דאס מיט שווידערען פלעגט ער זיך פאר שטעלין וויא שלעכט אונ ניכטיג לעבין אונזערע אידען אין ליטע · אונ האט ביי זיך בעשלאסען נימאלס צוריק קערען זיך אהיים · אונ אלס ער האט שוין ניט גיהאט וואס צוא טאן דארטין · אונ בפרט דאס דיזער גאון איז שוין אויך גישטארבין אונ עש וואר אים זייער שווער צוא פאר בלייבען דען אין יענע צייטען האט מען ניט גילאזט זיצען אין פרייסען איין פוילישען אדער אליטוועשען אידען · איז ער אוועק פון דארטען קיין פראנקרייך קיין פאריז · אונ אלס ער האט מיט זיינעם טאלענט (דאס הייסט מיט למדות) גאנץ ווייניג גימאכט ווייל די יודען זייען דארט שוין גיוועזען פיל ווייטער פון לערנען אלס די פוזנער אידען · דער צוא נאך ווייל עס האט אים דארט גיפעלט צו מלמדות די פעליגע פראנצויזישע שפראכע האט ער זיך שוין גימוזט זוכען איין אנדער אונטער קומען · דער ווילע האט אבער זיך גימוזט צערען





פון פארטיגען גראסען · דען דארט ווייס מען ניט פון נדבות געבין : אדער טעג געבין איינעם ארעמן למדן וויא ביי אונז אין ליטע · מען קען אנדערש ניט זאגען · עס ווערט דארט פיל גרעסערע סומען פאר ווענדעט אויף צדקה אלס אין די היגע לענדער · זייא אבער ווערען פערברויכט מיט מער נוצען אלס ביי אונז · מיר ווענדען אן אונזערע צדקות אום די ארעמקייט צוא דער האלטען · צו פערגרעסערען · מיר פאר מערין דורך דעם פיל בעטלעריא · מאכין חתונה ארעמע קינדער אום צוא צוא מאכין ארעמע פאמיליען *) גינערין דער מיט שנארער · וואגעבונדען (פרודזאעם) אונ דאס גלייכין · דארט ווערין די צדקות פאר ברויכט נאר אויף וואויל טהעטיגע (גוטע) אנשטאלטען (זאוואדענעם)· צום ביישפיל אויף תלמוד תורה · אויף פריוואטען אויף האנדווערקע שולען · אויף אינוואלידען הייזער וואס ווערין אין זייא גיהאלטען זייער גוט אלטע לייט אונ קריפלען (קיילעקעס) בלינדע · עס ווערין געשטיצט געפאלענע קויפלייטע דאס זייא זאלין קומען ווידר צו זייערע קרעפטין · אבער קיינע לאנדשטרייכער (אומשלעפער) אדער פוילענצער (פוילער) · ווער עס האט נור גיזונדע הענט אונד פיס מוז זיין ברויט אליין ערווערבען :

דער צוא נאך וואר אונזער שואל צוא איידעל צוא גינערין זיך פון בעטיל ברויט ווען עס וואלט גיוועזען עס צוא באקומען דארט אונ וואר אלזוא אויף גיוויזין אויף זיך אליין (דאס הייסט צוא פאר דינען זיין ברויט זעלבסט) אונ דער גרויסער גאט וואס גינערט

*) פון אלע ארומיגע שטעט קומט מען קיין ווילנא אוים צו קלייבען אויף הכנסת כלה · אונ דער נאך שיקין זייא אפ די קינדער אהער קיין אילון · וויא מיר האבען שוין גישריבין אין אונזר גישיכטע פון דעם יאנציזער ארעם בחור · דאס מען קינדילט אויף איילונם שצאט אין אלע אירע ארומיגע שטעטלאך ווייטע אונ נאהענטע :

גינערט דעם וואָרעם אונטערין שטיין האט אים אויך ניט פאר לאזען · דען אלס זיינע דרייא הונדערט טאלער וואָרען שוין ביא דער נייגע האט ער זיך בעגעגענט מיט איינער פויזנער קויפמאן וואס ער האט זיך מיט אים גיקענט פון פויזנע · אונ וואס וואר אים זייער גוט · ער האט אים גיקלאגט זיין נויט · אונ דיזער האט אים גיראטין דאס ער זאל ווערין איין וואך ארבעטער אין איינער דרוקעריא פון איין קופער שטעכער · ער זאל דארטין ווערין איין אילומענירער (דאס הייסט בעציען מיט קאלארען דיא פערשיידענע שטעלין פון דיא קופער שטעכעריא) · וואס דאס איז איינע זייער לייכטע ארבייט · אונ וועט באקומען א טאג דריי פראנק · אונזער שואל האט אים גיפאלגט · אונ דער קויפמאן האט אים אריין גיפירט צוא דעם פאבריקאנט וואס וואר אויך איין פוילישער יודע גיוועזן אמאל · אונ ער האט אים זייער גוט צוא גינומען · אונ ביידע האבען גיהאט גינוג אורזאך צו זיין צוא פרידען איינע פון דיא אנדערע דען זייא וואָרען ביידע ליטהויער · ביידע לומדים · נאר דער פאבריקאנט איז דארט אן גיקומען נאך אלס יונגער בהוריל מיט זיינע עלטערין אונ האט נאך אלזויא גינוג צייט גיהאט צוא ערלערנען דיזע פראפעסיאן אונ וואר שוין אלזא איין פראנצויז פון הויט אונ קנאכען (פון גרונד אויס) אונ ביא אלעם דעם איין פרומער יודע · אונ פלעגט אזויא דיזען שואל איינלאדען צוא זיך אויף שבת אונ יום טוב אום צוא פאר ברייגען מיט אים אין לערנען :

ער וואר ביא אים איין גאנצעם יאר אונ האט איבער דיזע צייט זייער פיל פראפיטירט אין דער פראנצויזישע שפראכע דאס ער האט זיך שוין גוט גיקענט ערקלערין אין איר איינעם אנדערין אונ איז גיוואָרען אויך אגרויסער קענער (מבין) פון גימעלדין דאס דער פאבריקאנט האט אים שאן גיהויבען צו שיקען מיט זיינע קופער שטיכען אויף יערידען מיט איינעם גוטע גיהאלט אונ ער האט אים גימאכט גוטע גישעפטין דער ביא האט ער

גיוואונען



גיוואונען אין דער לאטעריי אפאר טויזנט פראנק דאס ער וואר שוין אין שטאנד צוא מאכין פאר זיך אליין איין גישעפט פון געמעלדען אונ קרעדיט האט אים ניט גיפעלט · אונ עס איז אים גיגאנגען זייער גוט · מיט דער צייט האט ער אן גיהויבען צוא האנדלען מיט אייל געמעלדען אנטיקען (אלטע טייערע פאטרעטע) אונ איז גיוואָרין אין אפערלויף פון אפאר יאר איין רייכער מאן מיט אנאמען אין פאריז · אונ ביא אלעם דעם איז ער גיבליבין אנגעבונדען אן זיינעם פאריגען פרינצעפאל · אן דעם פאבריקאנט וואס האט גיהייסען שאלמאן דרייצאק דאס ער האט ניט גיטאן אן אים וואס אהאר איז ווערט · זיין ראט וואר אים איין וואָרע אראקעל (איין געטליבע שפרוך) אונ האט אים גיהארכט אין אלע זיינע ענינים · אונ אם ענדע אויך אין דעם פארשלאג זיינעם דאס ער זאל שרייבען קיין אילון צוא זיינער פרויא דאס זיא זאל קומען צוא אים מיט דיא קינדער · ער האט עס אים געראטהען ווייל ער האט גיוואוסט דאס דער שואל האט איר אין גרונד זייער ליב אונ נאך מער דאס קינד :

״איער פרויא״ האט ער צוא אים גיזאגט שטודירט פאר גיווים דארטין אין אילון אין דיא הארטע שולע (דאס הייסט עס זייט איר זייער שלעכט) אונ וויים שוין פאר גיווים פאצעמו פונט ליבע אונ דער מפרנס וועט דאך שוין זיין איר אונ ניט זיא · אלזויא וועט זיא שוין פאקארגע זיין · אונ איר וועט האבען פאר גיווים אין איר איינע גוטע פרויא · ער האט אים גיפאלגט · אונ האט גישריבין צוא איר איין זייער פריינדליכין בריף · ער האט איר גישריבען דאס ער איז אין פאריז אונ עס גייט אים זייער גוט אונ האט איר גיבעטין דאס זיא זאל צוא אים קומען מיט דאס קינד · זיא זאל קומען · איר שארפען צינגעל אבער אונ וועטער מויל זאל זיא לאזין אין אילון · אונ נאך האט קיין בריף קיין הערץ אזויא פיל ערפרייט וויא דיזער בריף דאס הערץ פון דיזער סערקען וואס האט זיך גיהאלטען פר איין אייביגע עגונה · אונ וואס וואר נאך דר

צוא

צו ראן אין העכסט שלעכטע אומשטאנדע · דען אין דעם פערלויף
פון דיזע זעקס זיבין יאר וואס זיא האט פערלעבט אן אים האט
זיך זייער פיל געענדערט איר שטאנד · אירע עלטערין זיינען גיווארין
יורדים · פערשריענדע אן זעטצער · אונ זיא איז שוין אזוא ווייט
ארונטער גיקומען · דאש זיא האט גימוזט ווערין אקרעמערקע אין
אפרעמדע קראם פאר צוויא רובל אוואך שכירות · אונ וואס
קענען נאך עלענדער זיין אין: דער וועלט אלס אזויא איין
גישעף (בעשעפענעס) וואס דינט ביא איינער אנדערע פרויא אין
קראם · דאס איז וויא דיא ווארהייט צו זאגען איינע שאבצענע
סלוזבע · דען אויסער דעם וואס זיא מוז זיין אלע מאל איינע צו
געשמיטע צום קראם · אנפאלען אויף יעדעם פר ביי גייענדין וויא
איינע בריטאנקע · שלעפין אים אין בוד · אויס רעכענען פאר אים
אלע סארטען סחורות וואס גיפינען זיך אין אקראם אונ וואס אויך
עם געפינט זיך ניט · קריגען זיך אונ אויך זייער אפט שלאגען
זיך מיט איינער אנדערע קרעמערקע איבער אקונד · אונ אמאל
זיך אומטרייבען מיט סחורה וויא אזאג הונט איבער דיא
שטאנציעס · אונ אוים שווערען זיך מיט אלער היילינקייט דאס
דיא סחורה איז פון בעסטין סארט · ווערט זיך נאך געבערענט
אונ גיבראטען פון דיא פריסעק וואס עס שיטעט איבער איר · איר
פרינצעפאלען מיט איר פערפלוכטען מויד וויא איין פייער
שפייענדער בערג אין דיא שטונדען וואס זיא לייזט גאר ווייניג
קורץ גיזאגט · דיזער בריף וואר איר איין פארגעשמאק
פון דער בעלעבענדע שטימע וואס וועט זיך הערען · פון דעם
שופר של משיח צוא תחיית המתים " אונ נאך מער האט זיא זיך
ערפרייעט צו דעם צווייטען בריף וואס ער האט איר צוא גישיקט
מיט טויזענד פראנק אויף הוצאות · האט נאך דער פון פיל ווייניג
אוים גיהאלפען דיא עלטערין · אונ איז אוועק צו אים אויף אדלער
פליגלען · אונ זיא איז אויף גינומען גיווארען פון איר מאן מיט
אפענע ארעמס · אונ ערסט דארט האט זיא זיך גישעצט גליקליך

איבער



איבער אלע מאסען אלס זיא האט אים דער ווייסט פיל גליקליכער
אלס זיא האט זיך פארגעשטעלט · ערסטענס וואר ער אליין העכסט
גיזונד אונ שטארק · זיין געזיכט וואס וואר פארהער איין גיפאלין
בלייך אונ קנעכעריג וואר איצונד פיל רונד אונ רויט · זיינע אויגען
וואס ווערין מאט אונ האלב אוים גילאסען · ווארען איצונד העל
אונ גליהענד וויא צווייא גליקעס שטערין · זיינע גאנצע שטעלונג
וואס וואר ביז אהער דארט אין אילון געבויגען אונ געקרימט ·
דאס ער האט אוים גיוויזין וויא איין לעבעדיגער פראגע צייכען
וואר איצונד שוין גראדע אין שלאנק (גלאט) וויא איין פאלעם
בוים · דער צו וואר ער נאך בעקליידעט גאנץ אראפייעם · צוואר
איינפאך אבער גאנץ נעט אונ זויבער מיט איינער טייערע אור
אין דער טאשע פאר אזויא אפיגור וואר דיזעם ארעמעם ווייבכען
אימער געוואוינט גיוועזן זיך טיף צו פערבייגען אונ רופען אים
מיט אלע גרעסטע פוילישע טיטולען "יעגאמאסץ פאן יאסנע
וועלימאזנא · אונ יעצט געפינט זיא אין אזויא אפיגור אירען אמאן
וואס ערווארטעט איהר אויף דעם באן האף · א! פריידען איבער
פריידען · אונ וואס נעמט איר אויף מיט דער גרעסטען
צערטליכקייט · אונ אין דיזעם אלעם וואר נאך איין פארשפיל
נעגין דיא זעליגקייטען · וואס זיא האט עמפפונדען (ערשפירט)
אלס זיא איזט ארייין גיפירט גיווארין פון אים אין זיינער וואוינונג
דרייא שיינע צימער העכסט שוין אויסמעבעלירט פערזארגט
מיט איינער גאנצע ווירטשאפט · אונ איינע דינסט פרויא וואס איז
פיל זויבערער גיקליידעט אלס זיא ווירטשאפטעט דארט וויא איין
נוטער איינגעל אין פאראדיז (גן עדן) אונ בפרט נאך אלס ער האט
איר גיצייגט זיין פערמעגען אונ זיינע גוטע אוים זיכטען אונ דיא
צו קונפט · איר ביזהעריגער געקלעמטער גייסט האט ניט גיקענט
אלע דיזע פריידען ניט אויף פאסען אויף איין מאל אונ האט זיך
ניט ווילענדיג אפגערופען א ! מיין ליבער שואל ערדריקע מיך ניט
מיט אונזערע איבערהייפטע גליקען · מיינע קליינע הערץ איז צוא

איינג

איינג עס אויף צוא נעמען אויף איין מאל · דאס איבעריגע לאז
אויף מארגען · אויף איבער מארגן־לאז מיך פריער דיזע פערדייען ·
אונ דאן וועל איך מיך מיט פריידען ווייטער לאזען הערין :

נאך מער אלס זיא מיט אים · האט ער זיך גיפרייט מיט
דעם קליינעם יאקובען (דעם יאנקעלען) ער וואר דאן אלט שוין
ניין יאהר איין שיינעם מונטערעם קינד · אזוא זיינען זיך איבער
גיגאנגען דיא ערסטע צוויא טעג אין פריידין אין אומארמונגען
אונ דער ציילין זיך איינעם דעם אנדערין דיא ערלעבניסע
(וואס עס האט מיט זייא פאסירט) זייערע אין דיא צייט פון
זייער ביזהעריגע שיידונג · אונ דאן וואר געשפראכען פון וואש
ערענסטעס צווישין זיי · מיינע ליבע סעריל · האט ער זיך אפ
גערופין צוא איר זיצענד ביא אנאנדער אווענדס ביא דעם
טיא טיש · מעכטין מיר ביידע אונזערע פאריגע יאהרען ־וואס
מיר האבען פערלעבט אין אילון גאנץ פערגעסען · דען
דאס וואר גאר קיין לעבען אונ מעכטע גאט געבען דאס מיר
זאלין איינער דעם אנדערין פון היינט אן קיין אנלאס (אורזאך)
געבען צוא דער מאנען זיך גאר אן זייא איך זאל דיר ניט פון
נון אן מערקען לאזען דאס איך וואר אמאל איין באנק קוועצער
איין אויוועונהויקער איין ליידיגער קאסט גיינגער: איין בטלן
וואס האט גיגעסין אונפערדינטעם ברויט אונ וואר נור איין לאסט
אויף דיינע ארעמע עלטערין אונ דאס גלייכין אונ דוא זאלסט
מיר ניט לאזען שפירין דאס דוא ביזט אמאל גיוועזען איינע איטלעז
גאסניצע איינע סאחרייקע איינע שטאנציען אומלויפערן · פראנקרייך
איז ניט ליטע איין קויפמאן מוז זיין פון איינעם אונבעשאלטענעם
רוף (מיט אגוטען נאמען) מוז פירען איין זאלידען (ערליכען)
הויזלעבען · בעהיטע גאט ווען מען ווערט דאס מינדעסטע גיוואר
ווערין דאס מיר לעבען ניט איינינג אונ איינשטימיג ווערט עס פיל
שאדען צוא מיינעם קרעדיט־דען מען ווערט קיין צו טרויען האבין
צוא מיר · אם בעסטין דאס דוא זאלסט דיר גאר ניט מישע אין

געשעפט



געשעפט זאכין · איך קען מיך מיט דיר נור בעראטהען זייער
אפט דער פון · אבער ניט האנדגרייפליך (בפועל) געברויכין אין
מיין האנדעל ווייל קיינע ארענטליכע פרויא דארף ביא אונז אין
קיינע בוד זיטצען · עס בעפאסען זיך דער מיט נור פרויען וואס
האבען באנקראטירט מיט זייער גוטען בערוף אדער וואס זיינען
פון דער גאנץ נידעריגע שיכטע (קלאססע) · איינע ארענטליכע
בירגער פרויא וויים נור פון אירע ווירטשאפט אונ דיזעס פערלאנגע
איך פון דיר ווען אויך איך וויים דאס דוא ווייסט דער פון אזו
פיל וויא דער האן פון בני אדם וואס אבער קען דער מענטש
ניט דער לערנען · דיא דינסט פרויא מיינע ווערט דיר איינע
לעהרערין זיין אין דעם · דען זיא פערשטייט זיך זייער גוט אויף
דער ווירטשאפט אונ שפרעכט אויך דייטש · בעהיטע אבער גאט
דאס זיא זאל פון דיר קיינע שלעכטע בעהאנדלונג האבען · וויא
אונזערע ליטהויעשע דינסטין האבען פון זייערע ווירטינען · וואס
ווערען געפלאגט גיזידילט געקריינקט · שלעכט בעקעסטיגט ·
שלעכט בעלוינט · אונ שלעכט גיהאלטען · ניין מיינע טייערע
סעריל · דוא דארפסט נור געביטען אונ זיא ווערט דיר פאלגען ·
א מעכטעסט דוא אזויא גוט פאר שטיין צוא בעפעהלען וויא זיא
פערשטייט צוא געהארכען אונ צוא ערפילען די מינדעסטע לוינען
(שגעון) דאס בעפעהלען אבער דיינע דארף ניט זיין געביטערעס
(שטראגע) גיין מער אין איינעם בעטענדען טאן (שטימע), אלס
אין איינעם בעפעהלענדען · אויך מוזט דוא דיך נאך מייסטערען
לאזען פון איר (לערנען) וויא זיך אן צוא ציהען (קליידען) אונ
וויא זיך צוא בענעהמען צווישין לייטען · בפרט נאך אין דער
דאמען וועלט · זאנסט ווערט מען דיך בעלאכען · אונ מען ווערט
פון דיר אין דיא ציטונג שרייבען דען דיא היזיגע זורנאלישע
ציטונג שרייבער מאכען זיך אימער לוסטיג איבער אונזערע
ליטהויעשע דאמען · פילען אוים גאנצע בלעטער מיט אנאקדאטען
פון זייא מען לעזט עס גערען אין אלע קרייזען דען וואס נאך אין

(בן יחיד) גימל דער

דער וועלט איז אנגענעהמער וויא זיך לוסטיג מאכין אויף דיא רעכענונג איינעם אנדערין · דאהער מיינע ליבע סערעל ווען דוא ווילסט זיין אוים געלאכט מוזטו דאס ערסטע יאהר דא פיהרען איין איינגעצויגענעם לעבען · אונ זיך לאזען גאנץ געדולדיג בעלערנען פון מיר אונ פון אונזערע דינסט פרויא · אונ דער צוא נאך גאנץ פלייסיג דער לערנען דיא פראנצויזישע שפראכע פון איינער אלטליכע דאמע וואס איך וועל דיר בעשטעלין דערוויף אלס לעהרערין :

דיזע סערעל וואס מיר ווייסען שוין דאס זיא האט שוין גענוג געשטודירט דיא הארטע שולע גיליטען אונ גינוג געוואוינט שוין צוא לאזין זיך בעהערשען פון איינער טיראנען האט זיך זייער לייכט ערגעבען צוא דיזע אלע בעדינגונגען (תנאים) פון איהר מאן אהנע דיא מינדעסטען איינווענדונגען דאס איר מאן האט געהאט אורזאך גענוג צוא זיין העכסט צו פרידען מיט איר · דען אין פערלויף פון איינעם יאהר האט זיא זיך פערוואנדעלט אין איינער פראנצויזישע דאמע אזוא ווייט דאס ער האט שוין גיקענט אויף נעמען בעזוכע ביי זיך אין הויז אונ מאכען מיט איר בעזוכע אין אנדערע הייזער דער צוא איז זיא גיווארען פיל שענער פיל געזיטעטער פיל געפעהליגער אונ האט זיך געמאכט אלזויא גאנץ בעליבט ביי איר מאן · נאך מער עס וואר וויא צוא זאגען דאס גליק אריין מיט איר צוא אים אין שטוב דען צייט זיא איז צוא אים געקומען האבען זיך אן געהייבען זיינע געשעפטען אין קיינעם פערגלייך צוא דער פאריגע צייט צוא בעסערען אונ פערגרעסערין זיך פון טאג צוא טאג · דאס ניט ווילענדיג האט ער געמוזט שוין צוא גלויבען דאס דיזע זעגען (ברכה) איזט נור צוא ליב איר אונ האט איר דאהער אנגעהייבען אויך צוא אכטען אונ צוא בעראטהען זיך מיט איר ביי יעדער אונטערנעהמונג וויא אחסיד מיט זיינעם אגוטען אידען · אונ איר יא אונ ניין וואר אים וויא איין געטליכער שפרוך :

אזוא



אזו האט זיא אים גערעטען דאס ער זאל מאכען בשותפות מיט זיינעם פאריגען פאבריקאנט שאלאמאן דרייעצאק איין דרוק פון אלער האנד ציציען (פערקיילען) · ער האט איר געפאלגט אונ האט ניט געהאט קיין אורזאך עס צו בערייען (חרטה צו האבען) דען ער האט בעקומען אגרויסען נאמען אונ אין פערלויף פון איינינגע יאר איז ער גיווארען אגרויסער מצליח אונ איז גיווארין דער פון אין אקורצע צייט אגרויסער גביר אונ האט בעקומען אגרויסין נאמען · אונ אין פערלויף פון איינינגע יאר איז ער גיווארין אגרויסער ציציען (פאבריקאנט) אונ זיך גיווארען איין מיליאנאווער נעגאציאנט (האנדעלסהער) אונ האט זיך גיפירט דער צוא זייער זאלידע (בראווע) · ווער העכסט געזעליג גוט · פרייא געביג א נדבן · האט געשטיצט פון ווייטען זיין פאמיליע · אונ וואלטען אזוא גיקענט זיין איינע פון דיא גליקליכסטע אויף גאטעס ערדבאדען ווען זייא וואלטען ניט גימאכט איין פערזעהן אין דיא ערציהונג פון זייער איינציגין זאהן יאקאב זיי האבין אין פאריז דער לעבט נאך אטאכטער אויך וואס האט גיהייסען חוה (עווא) אונ מער האבין זייא ניט גיהאט אונ דיזעם פערזעהן האט זייא טייער גיקאסט וויא גיזאגט בלוט אונ געלט · איין ווארנענדער ביישפיל פאר עלטערען · אונ בפרט פאר אונזערע ליטהויעשע יודען וואס געהען אונטער אונ רואינערען זיך פאר דער צייט נור דורך דיזען איינציגין פעלער · ווען אויך אויף איינער אנדערין ארט אונ ווייזע · וויא מיר וועלין דא דער ציילין אין דעם דריטען קאפיטיל גאנץ אויספיהרליך ווייל דיזעם איז דער ציל פון דיזער ערציהלונג :

3.

דער האהע (הויכער) ראטה.

דיזעם קינד וואר (ניינטע יאר) אלס ער איז מיט זיינער מוטער גיקומען קיין פאריז · ער וואר זייער שיין · קלוג מיט אגוטען קאפ ·

אונ וואר העכסט געליבט פון זיינע עלטערין · קומענדיג אהין וואר ער איין ווילדפאנג (צולאזען) העכסט אונארטיג העכסט אונוויסענדיג · ער האט שוין גילערינט צוואר איין עטוואס גמרא · דאך אבער האט ער קיין עברי גיקענט אונ פשיטא שוין קיין פסוק תנ"ך · דאס דער פאטער האט זיך גישעמט אריין צו ווייזין זיך מיט דיזען יונגע זעלבסט אין דער זינאנאגע (געבעט שוהלע) · באלד האט ער אום געביטען דעם נאמען יאנקעלע אויף יאקאב · וויא דער זעלביגע פאל וואר אויך מיט דיזעם נאמען שואל אויף זאאול אונ זיין ווייבס נאמען סערעל אויף זארעל · אין דעם ליגט נאך צוואר קיינע בייז · דען אונזערע אידעשע ליטווישע נעמען זיינען אויך ניט מסיני · אונ זיינען נאך דער צו גאנץ פעראונשטאלטעט dis-figured (בעזאברזעוועט) אדר פראסט גיזאגט איספארצעט אזוא ווערט זעלבסט פון אונזערע ביבלישען נאמען יוסף יאסקע פון יהודה יודקע פון אסתר עסקע · ניין אבער ער האט ביא דעם ערשטין שריט פון זיינער ערציהונג בעגאנגען איין קאפיטאלנעם פעלער וואס איז איין פערלייבט איבער הויפט אין אונזערע ליטהויעשע יודען · דאס זייא ווילען אונד בעשטרעבען צוא פאר זעטצען זייערע קינדער אין איינער פיל העבער שפערע (גראד) אלס זייערע אייגענע איז · דעם האנד ווערקער ווילט זיך מאכען פון זיין זאהן ארב · דעם סוחר ווילט זיך מאכען פון זיינעם זון אגרויסען פאדראצטיק · דעם פאדראצטיק ווילט זיך מאכין פון זיינעם זאהן אפראפעסר · אונ ווען דער האנד ווערקער ווערט רייך פערווארפט ער שוין זיין פראפעסיאן · דער קרעמער זיין קראם אונ ווערט איין פראדוקטען הענדלער · אונ אזוא ווייטער · דען מען וויל אלס בעטרעטין איינע העכערע ראנגע אין דער מענשליכע געזעלינשאפט *) אונ דאס זעלבע זינדע איז בעגאנגען אויך אונזר

זאאול

*) אלס איין אידעשער אטקאץ (וועבער) האט גיוואונען אין דער לאטעריא צעהען טויזענד טאלער · וואר זיין קאפף אזויא



זאאול · עס וואר אים צוא ווינציג דער טיטול ציציען פאבריקאנט פאר זיינעם זאהן ; דען דיזער נאמען וואר אים צו פיל בירגערליך (מעסצאנסקע) · ניין ! האט ער גיזאגט צו זיינער פרויא מיר מוזען פון אונזערען זאהן וואס בעסערעס אונ גרעסערעס מאכען אלס מיר זיינען · מיר מוזען פון אים איין אדעל מאן איין באראן מאכען · דא אין פראנקרייך האבין מיר יודען דיא זעלבע רעכטע וויא דיא קריסטען · אלזוא דארפין מיר קיינע מיטיל ניט לאזען אונפערזוכט (אונגעפרובירט) אונ וועמען שטייט נאך אזויא פיל מיטעל צום גיבאט צום בעפעל וויא אונז · ערסטענס איז אונזער זאהן זייער

שיין

ווייט איינגענומען גיווארין פון דיזען גליק דאס ער האט איין געלאדען צוא זיך זיינעם נאכבארען (שכן) איין רייכען קריסטליכען זייגער מייסטער אויף אקאווע · „ליבער נאכבאר האט ער צוא אים גיזאגט“ איך בין איצונד גליקליך · איך האבע גיוואונען צעהען טויזינד טאלער · אלזוא נעמען זייא איין טייל אן מיינער פריידע · גאט זייא דאנק דאס איך בין לויז גיווארען פון מיינער פערפלוכטע ארבייט וואס פאר צערט גייסט אונ קערפער · אלזוא האב איך רעכט אזוא אונגיהאלטען צו צו זיין דאס איך ווערדע צוא ברעכין מיין ווארשטאט אונ ווערדע לאזן מיט זיינעם האלץ איינע קאן קאווע אויף קאכין אונ צוא זאמען טרינקען · ליבערסט שיינקען זייא עס מיר האט זיך אפגערופען דער זייגער מייסטער · איך וויל עס האבען צו אייביגע אנדענקען פון דיזער געשיכטע · איך שיינק עס אייך מיט פריידען האט זיך דער וועבער אפ גירופין · אונ האט עס אים אפ גיגעבין · אין פערלויף פון איינינע יאהרען וואר דער וועבער שוין אזוא ארעם · דאס ער האט גימוזט אויסבעטלען צוריק פון דעם קריסטליכען זייגער מייסטער דעם פערשיינקטען ווארשטאט וואס דער קריסט האט אים דאן אוים גיגעבין ביא אים נור צו זיינעם צוועק ווייל · ער האט דאס ענדע שוין פאר אויס גיזעהען דאס ער וועט עס מיט דער צייט ווידער ברויכען :

שיין · גיזונד · קלוג · אונ מיט אגוטען קאפף · צווייטענס זיינען מיר דאך מיליאנאנווע לייט · אונ איין אימפעריאל איז איין שליסעל וואס קומט צו צו יעדען הערצען אונ בפרט צו איין פראנצויזישעס הערץ · וואס לאזט זיך בעשטעכען פון איינעם באנקראטירער אום אים אויף דעם טראהן ארויף צוא הייבען · פופצעהען מאל דאס לאנד דורך גרויסע בלוט פערגיסונגען צוא בעפרייען אום עס פאר דעם ליבען גראסען עם ווידער דעם מייסט ביטענדען טיראן ווידער צו פערסאהערין אלזו דארפין מיר נור וועלין צו מאכען איין אדעל (שלאכציץ) פון אונזערין זאהן · אונ מיר וועלין אונז זייער לייכט אויס פירען דען דא איז ניט רוסלאנד וואס שטייט אונטער דיא אויפזיכט פון איינעם קלארען הערשער אויג :

איז אונזער זאהן שוין איין מאל געהעריג אויס געבילדעט אונ געאדעלט · דאן האבען מיר גלענצענדע אויסזיכטען צו מאכין פון אים איין אפיצער · פון גארדע האנארוס · איין מיט גליד פון פארלעמענט · אונ פיליכט גאר איין פער · אונ וועלען האבען רעכטען צוא לאזען אונז ריידען אשידוך מיט דיא גרעסטע אידעשע געאדעלטע פאמיליען מיט אקרעמיו מיט איינעם פער פעריירע מיט אפולד אונ דורך דעם וועלין מיר שוין קענען אונזער טאכטער אויך זייער גוט אנבריינגען · דאס הייסט פאר איינעם אדעליגען אלזוא מיינע זארעל · הערואוס מיט דיינער שפראכע · איך וויל הערין דיין מיינונג דער בייא שטימסט דוא איין צוא מיינער מיינונג · דאן פריש צור ווערקע :

דיזע סעריל וואס האט אזוא גאר גיהאט אגעזונטען מענטשין פערשטאנד · אונ פלעגט אים אימער ראטען צום גוטען · וואר אויך איינגענומען גיווארען זייער שטארק פון דיזער צויבער אידעע (געדאנקען) · דען זיא האט זיך אויך וויא ער נאך ניט אויס געניכטערט פון אונזערע אידעשע ליטוועשען רויש · צוא וועלין אלץ גלענצען אונ איבער שטייגען דעם אנדערין · דאס זעלבסט איינע באד וועסערין · אשיינקערקע · צירט זיך מיט פעריל מיט

בורלאנטען



בורלאנטען · אין שאמעט קליידען זיך מארק ווייבר · איין באנדער וויל ווערין אגבאי · איין שינדער איין אכטלייטיגער · אונ אן דיזער געפערליכע קליפע *) וואס צערשעלען זיך (צו דרוזגען) אלע אונזערע ליטהויעשע ברידער · האבין זיך צערשעלט (צוא דרוזגעט) אויך אונזער שואל אונ זיינע גאנצע פאמיליע · זיא וואר איינגענומען פון דיזער צייבער אידעע (געדאנקען) צו זעהען אירע ביידע קינדער פערהייראטהעט מיט דיא גרעסטע אידעשע אריסטאקראטישע פאמיליען אונ האט איין געשטימט דער צו :

## 4.

### „דיא ערציהונג יאקאבס.

גאנצע דרייא יאהר האט דער שואל ערצויגען זיין בן יחיד צוא הויז · האט גיהאלטען צוא אים דיא בעסטע לעהרער · אונ האט מיט זיינע גלענצענדע פעהיגקייטען (שפאסאבנאסטען) אין דיזען משך זייער פיל דער לערנט · איבער הויפט דיא העברייעשע שפראכע אונ דיא פראנצויזישע אונ איז גיווארין איבער דיזע צייט גאנץ אומגעמאכט גיווארין פאר איין פראנצויזעל וויא אגיבארינער פאריזאנט וויא ער לעבט אונ לייבט אין אלע זיינע מאנירען · אונ דאן האט ער אים אפ גיגעבין אין איינעם בלאהאראדנים פענסיאן וואס גייען דארט קינדער נור פון אדעל · עס איז אים דיזעם אזויא גאר ניט לייכט אנגיקומען דען נאך איז דארט קיין בירגער קינד אנגעקומען · ער האט אבער אלע דיזע שווירעקייטען בעזייטיגט דורך דעם גראסען · אין אנפאנג האט דאס דארט איין עטוואס געליטען פון דיא דארטיגע צעגלינגע (שילער) וואס האבין גיוואוסט

דאס

*) קליפע ווערט אן גירופען איין גרויסער שטיין וואס ליגט אונטערען וואסער אונ וואס איז געפעהרליך פאר דיא שיפען :

דאס ער איז איין קינד פון איינעם ליטוועשען יודען אונ האבין אים
גירופין מיט דעם ליבען נאמען (זוויוו דע ליטע) באלד אבער זיינן זיי
אים גיווארין זייער גוט · דען ער פלעגט זיי צו געבין אלע טאג
באנבאן (צוקערקעס) קעסטליכע פריכטע · אונ זייער אפט פלעגט
ער איינינע פון זייא מיט נעמען נאך הויזע · וואס זייא ווארען דארט
זייער גוט בעווירטעט פון זיינער מוטער · ער פלעגט אימער קומען
מיט פולע טאשין אין פענסיאן · דאס וויא ער האט נאר אריין
גיטראטין אין קלאס פלעגין אים דיא צעגלינגע (דיא שילער) ארום
פאלען וויא דיא בינען · אונ פלעגין עס אוים לערען · אונ אוים
דער זעלביגע אורזאך ווארען אים אויך דארט גוט אלע בעדינטע ·
דען עס וואר שוין איין מאהל פאר אלע מאהל איינגעפיהרט ·
דאס בייא זייער אנטאן אים דעם מאנטיל פאר זיין אוועק גיין
צו באשיינקען זייא מיט אזילבערנעם פראנק וואס זייא האבין
עס קיין מאהל ניט גיהאט פון קיין צעגלינג (שילער) · ערסטענס
ווייל זייערע עלטערין ווארען ניט אזויא שטיין רייך וויא זיין
פאטער אונ צווייטענס צוא וואס זאלין זייא עס טאן · דאהער קיינע
וואונדער דאס דער יאקאבקע וואר אימער איין גוטער גאסט אין
קלאס · מעהר נאך פאר דיא צעגלינגע (שילער) אונ בעדינטע
ווארין בעפרידיגט פון דיא עלטערין דיא לעהרער מיט טייערע
פרעזענטער · מיט איינלאדונגען אויף גוטע מאלצייטען · פלעגין
זיך דאן צו רייסען לויבענדיג דעם יאקאבקע · האבין פארשפראכין
דיא עלטערין דיא גרעסטע זארגפאלט (שטאראנע) פאר זייער
יאקאבקען אונ אין דער טהאט (באמת) האבין זייא אים גאנץ
פערנאכלעסיג אפ גילאזען · זיינען אומגעגאנגען מיט אים גאנץ
געלאנט (לעטנע) האבין אים ניט געהאלטען שטריינג וויא דיא
אנדערע שילער דאס ער זאל מאכין וויא גיהעריג זיינע לעקציאנען ·
אונ בייא אלעם דעם פלעגין זייא אים צו שטעלין גוטע מיינונגען ·
אונ דיא עקזאמענס ווארען נור אוים געשטעלט · דען דער שואל
וואר דאך וויא מיר ווייסען קיין געלעהרטער דאס ער זאל זיך

דארויף



דארויף פארשטיין וויא דיא עלטערען פון דיא אנדערע צעגלינגע
(שילער) וואס ווארען מארקיזען גראפען באראנען · גענעראלען
מערען אונד פערען · אונ דער שואל מיט דער פרויא האבען
וויא געזאגט זיך געפרעגעלט זעהענדיג דאס זייער יאקאבקע האט
אומגאנג מיט יונגע מערקיזעלעך גרעפלעך · נאכהער אלס יאקאבקי
וואר אלט שוין איאהר פופצעהן אדער זעכצעהען · האט ער
זיך שוין געשעמט אום צוא גיין מיט איין בירגער קינד אונ
צו ליב דעם האבן די עלטערן אויך פערוויזען פון זייער שטוב זייערע
אלטע בעקאנטע · דען עס האט שוין ניט געפאסט אזעלכע גרויסע
אדעלע לייט וואס פערקערען צוא זייא אין שטוב צוא ליב
זייער יאקאבקען זאלין זיך געפינען בייא זייא איין לומפענפאק
(דאס הייסט אפאק טראנטעס) :

נאך שפעטער אלס יאקאבקי וואר שוין אכטצעהענטען
יאהר אונ האט שוין באקומען פון דיא עלטערען איין גוטעס
טאשענגעלד האט ער אן געהויבען שוין צוא פערקערען מיט
זיינע קאמעראדען אין דיא גרעסטע קאנדיטערייען אונ מען האט
זיך דארטין גיטליך געטאן נור אויף זיין רעכענונג · אונ איז
געווארען מיט דער צייט דארטין אזוא אגוטער קונד וויא אגוטער
שילער אין קלאס · יעדער קאנדיטער פלעגט אים פריינדליך
אנטקעגין קומען אונ האבען אים קרעדיטירט (געבארגט) אויף
גרויסע סומען אונ פלעגט עס אויך פינקטליך בעצאהלען · דיא
מוטער האט אים דיזע סומען מיט פריידען געגעבען מיינענד דאס
יעדער אימפעריאל איזט איינע שטופע (אטרעפעל) אום צוא
ערגרייכען (דער גרייכען) דעם ערווינצטען ציל · אונ דיזע
פערשווענדונגען אוים ברייננגונגען האבען זיך פיל פאך פערדאפעלט
בייא זיינעם אריין טרעטין אין דער מיליטער שולע (וואיענעם
אינשטעטוט) דען מען האט זיך בעדארפט בעפריינדען גאר פון
דאס נייע מיט אנדערע לעהרער מיט אנדערע קאמעראדען ·
יונגע אפיצירלעך גראפסקע אונ מארקיזעשע קינדער וואס ווארען

שוין

שוין לעבעלייט פון איינעם גרעסערען מאסטאב (ערך) אלס דיא קאמראדן פון דעם פאריגען פענסיאן · וואס האבן שוין געוואוסט פון אקארט פון אמאסקראדען באל · פון אראמאנס מיט איינער אקטארקע · פון אבוטעלע שאמפאניערי און וואס זייערע אומשטענדע (מעמד) איזט דער צוא נאך העכסט קריטיש (געדריינגט) אלזויא וואר אונזער יאקאבקע פאר זייא איינע גוטע קיעלע מיט פולע אייטער וואס לאזט זיך מעלקען · און האבען אים טאקע גוט געמאלקען · אדער איין לאם (שעפסיל) מיט איינעם גאלדענעם פלים (רונעוואל) וואס לאזט זיך שערען און האבען אים טאקע געשארען · זייא פלעגין אים בעזוכען אין דיא הויז פון זיינעם עלטערען זייער אפט פיל מעהר אלס ער זייא ווייל ער פלעגט זייא נימאלס געפינען צו הויז · דאס הייסט דיא בעדינטע פלעגען אים אויף זייער בעפעל אימער אפ צופערטיגען מיט דר געוואוינליכע אנטווארט דער יונגער העך איזט ניט צו הויזע · אוים צווייערלייא אורזאכען · ערסטענס צו פערשפארען קאסטען אים אויף צו נעמען · און צווייטענס ווייל עס האט זייא ניט געפאסט אדער זיך געשעמט פאר זייערע עלטערען צוא זיין אזויא פאמיליער (פאבראציסקע) מיט איינעם יודען קינד וואס איזט פון איינעם בירגער פאק :

מיט דער טאכטער האבן זייא געהאט פיל מער שוויריקייטען אלס וויא מיט דעם זאהן צוא בעטריגען זיך · דען מען האט איר ניט גיוואלט פאר קיין פאך אן נעמען אין איינער פענסיאן פון געאדעלטע טעכטער · און אוועק צו געבין איהר אין איינער בירגער שולע איזט זייא ניט אן געשטאנען האבען זייא זיך אלזויא געמוזט בעשריינקען (בעגענוגען) מיט איינער הייזליכע ערציהונג · האבען געהאלטען פאר איר גוטע גובערנאנטעם · און האט אלזויא צוא הויזע זיך פיל בעסער ערצויגען מיט פיל קנאפערעם קאסטען אלס איר ברודער · און ביי אלעם דעם האבן זיי זייערע האפענונגען ניט אויף גגעבן (זיך ניט מיאש גיווען) דאס זייא וועלען איר פאר הייראטהן מיט אזאהן פון דער גרעסטען אריסטאקראטי און וואלטען עס

פילייכט



פילייכט אוים געפירט ווען דער ליבער גאט וואלט ניט געמאכט איין שטריך אין זייער רעכענונג (געשטערט) · דען זייער פערמעגען האט זיך פערגרעסערט פון טאג צו טאג · זייא זייען געווארן גרויסע מיליאנערען און מיט מיליאנען קען מען איין האנדלען איידעמס אונד שניר פון די גרעסטע קלאסן · און בפרט נאך מיר ליטהויעשע יודען וואס ביי שידוכים שטעלען מיר אונז בדלות אונד בלייבען דער צו נאך גרויסע בעלי חובות · דער ווילע אבער וואַרען זייא פולער ערוואַרטונג צוא דער לעבן שוין דיא שטונדע דאס דער זאהן זאל זיך שוין בעענדען זיין שטודיום און זאל אריין טרעטען אלס יונקער אין מיליטער דינסט און פילייכט אלס אפעציריל שוין · דען ער האט געהאט דיא בעסטע מיינונגען · צוואר ערקויפטע דען ער האט גאנץ וויניג גיקענט ווייל ער האט קיינע פליים געהאט · און האט פאר שווענדעט זיינע גאלדענע צייטען מיט זיינע קאמראדען וואס וואַרען ניט בעסער פון אים · ביי קארטען אין מאסקאראדען בעלע · און ביי אלעם דעם זייען זייא ארויס אפעצירליך ווייל זייא וואַרען פון אדעל און ער וואלט עס אויך געווארען פאר געוויים דורך געלט · און איז עס דאך ניט געווארען דורך דעם גרויסען שטריך וואס וואר געצויגען דורך דיזעם גאלדענעם רעכענונג וויא מיר וועלין דא באלד דער ציילען אין דעם פינפטען קאפיטעל :

## 5.

### (דער שטריך אין דער רעכענונג)

דיזער שטריך אין דער רעכענונג וואר קיין אנדער וויא דער יעניגע וואס ווערט געצויגען אין דער רעכענונג פון יעדען מענטשין פון פירשטען ביז דעם בעטלער · און דיזעם איזט דער טויט · דען ער קומט אימער צוא פריא צוא יעדער פערזאן בעפאר זיא בעענדעט נאך צוא זאמען צוציהען אלע ציפער

וואס

וואס זיא האט פערצייכענט אויף איר לעבענס ליסטע · אום צוא וויסען אויף קלאר וואס זיא האט איינגעקאכירט דאס געשיהעט ביי יעדע שטערבענדע פערזאן · זיא מעג זיין אלט הונדערט יאהר בלייבען נאך פילע עניינים גאנץ אונבעענדעט · דיזער שאול איז פלוצליך געשטארבען אין זיינעם פופציגסטען יאהר · אלס זיין זאהן וואר אלט דרייא אונ צוואנציג יאהר אונ הינטער גלאזען איין פערמעגן פון צעהען מיליאן פראנק אינס באר אויסער הייזער געוועלבען מאשינעריען אונ גרויסע פאק־קאמערען · פול מיט פערשיידענע טייערע ציצען אונד דאס גלייכע אונ אויסער (חוץ) איינע טייערע ווירטשאפט · דער יאקאבקע האט נאך געדארפט דאן פערבלייבען אקנאפעם יאהר אין דעם וואיענעם אינסטיטוט אום צוא ווערען יונקער אדער אפעציריל · ער האט אבער געמוזט זיין שטודיום באלד אונטער ברעכען (מפסיק זיין) אום צו ראספארעזייען זיך מיט דעם גרויסען געשעפט אונ פערמעגען וואס איז וויא איינע שווערע לאסט ארויף געפאלען אויף זיינער שוואכע שולטערען (אקסלען) · דיא מוטער וואס האט דעם געשעפט זייער גוט פערשטאנען האט אים געוואלט זיין בעהילפליך אין דעם · אונ צוא זעטצען אים איין זאלידין (ערליכען) געהילפע וואס וואר אגרויסער קענער אזו אין דעם פאבריק · אונ אין דעם גאנצין געשעפט · ער אבער האט ביידע זאכין ניט געוואלט דען ער האט געהאט איין פערדאכט (חשד) אויף דער מוטער דאס זיא האט בדעה צו נעהמען אמאן אונ גראדע דעם וועלכען זיא רעקעמאנדירט אים · אויך האט ער ניט געפאלגט דעם שאלמאן דרייעצאק דעם געוועזענעם שותף פון זיינעם פאטער וואס האט אים צו גירעט דער צו וויל ער האט זיך (דער שותף) אפגעטיילט פון זיינעם פאטער נור איבער דעם וואס ער האט זיך אנגעהייבען צוא פיהרען אלס אריסטאקראטיש אונ האט אים (דעם יאקאבקען) אפגעגעבען אין איינעם בלאהארדנעם פענסיאן דען דער שאלאמאן וואר גאר פון פערקערטער מיינונג · דאש אקויפמאן · איין פאבריקאנט דארף נור היטען זיין געשעפט ·

אונ



אונ וואס מעהר מען איז פאפעלערער (פראסטער) איז אלץ בעסער · אונ געזינטער · אונ האט אלזוי זיינע צווייא זין געלאזט ציהען גאנץ קויפמעסיג · האט זייא געלאזט בעזוכען איינע האנדעל שולע · אונ דער נאך האט ער זייא אוועק געשיקט קיין לאנדאן דינען ביי גרויסע פאבריקאנטען אונ ביי גרויסע קויפלייטע · אונ דאש גלייכען זיינע אמיידכען האט ער געלאזט ערציהען נור הייזליך · דאס הייסט דאס זיא זאל קענען זיין איינע גוטע ווירטין · דער צוא שרייבען־לעזין · טאנצען איין עטוואס מוזיק אונ געזונג · אונ נאך מעהר פאר אלץ פלעגט דעם שאלאמאן העכסט קריינקען דאש צייטענווייס ווען ער דער שאול האט ביי זיך געהאט איינע געזעלשאפט פון אריסטאקראטען פלעגט ער ניט וועלען ליידען דאס ער קומט דאן אריין צו אים אין שטוב · דען ער איז דאך קיין אריסטאקראט · ער האט עס ניט געקענט ערטראגין אונ האט זיך פון אים אבגעטיילט · אונ איזט געווארען נאך פיל מאהל רייכער אלס דער שאול · אלזוי געוויס אורזאך דאש דער יאקאב וואר גאנץ אבגעניגט פון דעם שאלאמאן · דען ער האט געוואוסט דאש ער לאכט אים איטער אויס אין זיינעם הארצן · אונ האט דאהער ניט אנגענומען זיין ראטה אונ פשיטא שוין ניט זיך מיישב גיוועז מיט אים איבער די לייטונג (הנהגה) פון דיזען גרויסען געשעפט וואס ער וואר אין דעם העכסט אונוויסענדיג :

דער צוא נאך האט זיך אים געוואלט זיין איין זעלבסט הערשער · דען ער האט פערשטאנען וויא נור ער וועט זיך לאזען פיהרען פון דער מוטער אדער פון איינעם אנדערען זאלידען (פאסטפענעם) מאן וועט ער שוין האבען איבער זיך איין אויבער הער · אונ וועט זיין בעשריינקט (בעגרענעצט) אין זיינע אויסגאבען אין זיינע פערגעניגונגען · אונ דיזעם וועט אים דאך פערגעוויס ארונטער רייסען פון דער אריסטאקראטישע שטופע (גראד) וואש ער האט זיך אויף איר וועהן ניט מיט גרויסער מיהע דאך מיט גרויסע קאסטען ארויף געצוואונגען (ארויף געקלעטערט) · אזו ווייט מיינע

לעזערין

לעזערין קען זיך איונגער מענטש פאר אירען ווען ער נור מיט דעם ערסטען שריט איינע פאלשע ווענדונג געמאכט האט · וויא דער פאל וואר דא מיט אונזער יאקאבקען :

## .6

## „דיא ערסטע ליידונג זיינע“

דער ערסטער פעלטריט זיינער וואר דאש ער האט באלד אומגעביטען אלע געהילפען מענשען וואס ווארען ביי דעם פאטער אין פאבריק אונ אין דיא פאק קאמערען · ניט וויל ער האט געהאט וואס אויס צוא זעטצען אויף זייא · אונ ניט וויל ער האט געמיינט צוא בעקומען בעסערע ניין נור אויס צוא זיינע אריסטאקראטעשע קאמראדען אונ קאמראדקעס · דען יעדער פון זייא האט אים גיבעטען דאס ער זאל אריין נעהמען אין זיין געשעפט זיינעם אגוטען ארעמן פריינד אדער איין ארעמען קרוב אדער גאר איין אויסגעדינטען דינער · אונ דאס גלייבן · אונ ער אלם יונגער פראנט האט זייא ניט גיקענט אפזאגען אין דיזער ביטטע אונ האט מיט דיזר אונוויסענדע (אונגעוויסע) לייט בעזעצט די שטעלען פון די פאריגע שלוזאסציע וואס ווארען אלע וויא געזאגט נור בירגער קאנאליען · דאך אבער פון גוטען הויט אונ קנאכען וואס האבען פארשטאנען זייער זאך אונ דער צוא נאך גאנץ ערליכע אונ בראווע לייטע · אזו האט ער אומגעוועקסעלט זעלבסט דעם בוכהאלטער אונ דעם קאסירער · ביידע גאנץ ראיעלע מענטשען אונ ערפראבטע פריינדע פון זיינעם זעליגען פאטר אויף לידערליכע (צולאזענע) אונד פעראמטע אריסטאקראטען · געוועזענע קאנזעציעס · וואס זייען געווארען ענטלאסען (אבגעזאגט) געווים ניט פאר מעשים טובים זייא זייען אריין נעקאמעדירט געווארען צוא אים דורך איינע יונגע גרעפין וואס ער פלעגט זייער אפט אריין צוא שפרעכין צו איר אונ פלעגט צו האבן פון איר דיא בעסטע אויפנאהמע פאר געווים ניט אוים הוילער אכטונג צו אים · זיא וואר ענטצוויט (צוריסען) מיט

איר



איר מאן אונד האט געלעבט אין נויט פערמוטהליך (געווים) האט איר יאקאבקע זייער אפט געליהען מאנכע סומען מיט וועלכע ער האט ניט דער לעבט זיך ווידער צו זעהען אזויא איינע אומוועקסלונג פון שלוזאשצע איזט ניט איינע אנדערע (קלענרע) דומהייט וויא איינער וואס לאזט זיך ארויס נעמען זיינע געזונדע ציינער פון מויל אום נור אריין צוא זעטצען אן שטאדט זייא נייע געמאכטע ציינער פון עלפאנד ביין · נור דארום וויל זייא זייען אין עטוואס ווייסער אונ פאליטירטער :

זיינע צווייטע פעלטריט וואר דאס בעפאר ער האט אנגעהויבן ארום צו זעהען זיך וואו ער האלט אין דער וועלט מיט דעם גישעפט האט ער אן גיהייבן ארום צו זעהען די וואוינונג · האט גימאכט גרויסע אפעראציע · האט זיך איינגישאפט דיא טייערסטע מעבעל · אונד באלד דארויף איינע בורלאנטענע טיש געזעלענשאפט פון יונגע גרעפליך · מארקיזען · זעהנע (זין) פון דיא גרעסטע קאנטעריסטען אונד עס וואר געלעבט אונד געצעכט (געטרונקען) יעדען טאג וויא אויף איינע קריינונגס באל דער ביי נאך אקערטעל אונ אזוא איין פיהרונג פערצערט איבעראל דיא דרייא טייערסטע זאכן פון דעם מענטשינס לעבין דיא געזונדהייט · די צייט · אונ דאס געלט · אונ דאס זעלבינע איזט דא ביי אים אויך געשען · צווייא דרייא דעם זייגער ביי נאכט האט מען זיך געלייגט שלאפען אונ ערסט ארום צוועלף דעם זייגער ביי טאג וואר מען אן גיטאן · אלזויא וואו איזט שוין דא צייט איין בליק צו טאן אין גישעפט · ער וואר שוין בעשעפטיגט מיט דעם קיכענצעטעל · דען יערען טאג האט ער געהאט אליך פארנעהמערע געסט :

דער צו נאך האט זיך צו גיצעפעט באלד נאך אפריסציק צוא דיזער גישוויר · דען וויא נור ער האט איבער גינומען דיא ערבשאפט · האבען זיך אנגעהייבען צוא מעלדען צו אים פילע גלייביגער (מלוות) וואס ער האט נאך פאר זיין פאטערס לעבען אנגעליהען ביי זייא קליינע סומען אויף גרויסע אונ גוואלטיגע

פראצענט

פְרַאצֶענְט אוּם צוּ דֶעקֶען אָדֶער צוּ טִילִיגֶען זַיינֶע שוּלְדֶען אִין דִיא צוּקֶערְנֶעם · אִין דִי טְרַאקְטִירֶען · דֶען דִיא גְרוֹיסֶע טַאסֶענְגֶעלְדֶער וָואס זַיינֶע עֶלְטֶערֶען הָאבֶען אִים דַאן גִיגֶעבֶּען הָאבֶען נִיט אוֹיף צָאן גֶעקְלֶעקְט · עֶר הָאט זִיךְ נִיט גֶעפוּילְט אַרוֹיס צוּ גֶעבְּן אַוֶועקְסֶעל פוּן טוֹיזִינְד פְרַאנְק פַאר פִינְף הוּנְדֶערְט וָואס עֶר הָאט בֶּעקוּמֶען · אוּנ אִיצוּנְד הָאט עֶר גֶעמוּזְט אוּים צָאלִין אִינְפְּרָאמְט · דִיא מוּטֶער הָאט זִיךְ דֶער פוּן אַוֶועק גֶענוּמֶען אַשְׁטִיק לֶעבֶּען אוּנ הָאט גֶעמוּזְט שְׁוַוייגֶען :

אוֹיךְ הָאט עֶר זִיךְ אַיינְגֶעשַׁאפְט טַייעֶרֶע פֶערְד .מִיט טַייעֶרֶע פַאיַאזְדֶען · אוּנ פְלֶעגְט אַרוֹיס צוּא פָארֶען מִיט אֵיינֶער ווִילְדֶע גֶעזֶעלֶענְשַׁאפְט אוּנְטֶערֶען שְׁטָאדְט · אוּם צוּא שְׁמָארֶען דָארְט אִין טַייעֶרֶע טְרַאקְטִירֶען אוּנ מֶען הָאט דָארְט גֶעווִירְטְשַׁאפְטֶעט ווִיא דֶער טַייוֶועל אִין דֶער הֶעלֶע · מֶען הָאט זִיךְ דָארְטְן גוּט בֶּערוֹישְׁט אוּנ אַלֶעם צוּ בְּרָאכֶען אוּנ צוּ שְׁטָאכֶען · אוּנ דֶער נָאךְ בֶּעצָאלְט צֶעהֶן מָאל מֶעהְר ווִיא דֶער שָׁאדֶען וַואר אִין דֶער ווִירְקְלִיכְקַייט · אוֹיךְ וַואר אִים גֶעמַאכְט אַיין טַייצֶעשֶׁער רֶעכֶענוּנְג דָארְט · דָאס עֶר הָאט בֶּעצָאלְט אַזוֹ גָאר פַאר וָואס עֶס וַואר נִיט גֶענֶעבֶּען · הַיינְט ווֶער רֶעט שׁוֹין פוּן קָארְטֶען · דָא זַייעֶן צוּא שְׁמָאלְצֶען גֶעווָארֶען גַאנְצֶע סוּמֶען · וָואס עֶר הָאט פַארְשְׁפִּילְט הָאט עֶר בַּאצָאלְט בִּיז אַיין גְרָאסֶען · אוּנ וָואס יֶענֶע הָאבֶּען פַארְשְׁפִּילְט בַּייא אִים אִיז אִים נִיט אָנְגֶעשְׁטַאנֶען אַיין צוּ מָאנֶען · אוּנ בִּפְרַט זַייא הָאבֶּען נִיט גֶעהַאט מֶעהְר אַלְס אַיינְמָאל · הָאט אִים דֶער שַׁאלַאמָאן דְרַייצַאק וָואס וַואר אִים נָאךְ זֵייעֶר גוּט אָנְגֶעהַאלְטֶען אוּנ הָאט אִים פָארְגֶעהַאלְטֶען וֶועגֶען זַיין פַארְשְׁוֶוענְדֶען אַזוֹ פִיל גֶעלְט · אוּנ וָוארוּם עֶר נֶעמְט זִיךְ נִיט צוּא זַיין גֶעשֶׁעפְט · עֶס וַואר אָבֶער אִין ווִינְט גֶעשְׁפְּרָאכֶען ·גֶעלְט הָאבּ אִיךְ גֶענוּג· וַואר זַיין אַנְטְוָוארְט · עֶס וֶועט אוֹיף אַלְץ קְלֶעקֶען · אוּנ צְוֵוייטֶענְס מַיין אִיךְ נִיט צוּא בְּלַייבֶּען אַיין לוֹיזֶער קוֹיפְמַאן · אִיךְ בִּין דָאךְ שׁוֹין אוֹיף אַפֶּעצִירְסְקֶע לִינֶע · אַלְזוֹי בַּאלְד אַיין אַדֶעל · אוּנ הָאבּ שׁוֹין רֶעכְט אַיין אַמְט צוּא בֶּעקוּמֶען (אַצִין) ·

אונ



אוּנ גוּטֶע פְרַיינְד פֶעהְלְט מִיר נִיט וָואשׁ וֶועלֶען מִיר בֶּעהִילְפְלִיךְ זַיין אִין דֶעם מִיט לַייבּ אוּנ לֶעבֶּען · אוּנ וֶוען אִיךְ בֶּעקוּם נוּר אַיין אַמְט (צִין)·דַאן וֶועל אִיךְ שׁוֹין שְׁטַייגֶען פוּן אֵיינֶער שְׁטוּפֶע (גְרַאד) אוֹיף דֶער אַנְדֶערֶע ווִיא אוֹיף אָדְלֶער פְלִיגֶעל · דַאהֶער אִיז מַיין אוֹישׁ בְּרַיינְגֶען קֵיינֶע פֶערְשְׁוֶוענְדוּנְג · דֶען דָאס פִיהְרְט מִיךְ צוּא אֵיינֶעם גְרוֹיסֶען צִיל · צוּא אֵיינֶעם גָאלְדֶענֶעם צִיל וָואס אִיהְרֶע קוֹיפְלַייטֶע הָאט גָאר קֵיינֶע בֶּעגְרִיף אִין דֶעם · אוּנ דֶער צוּא נָאךְ פֶערְגֶעסְט נִיט דָאשׁ אִיךְ בִּין נִיט אִיר · דָאס אִיךְ בִּין דָאךְ גִילֶערִינְט · הָאבּ שׁוֹין בַּאלְד בֶּעעֶנְדֶעט מַיין קוּרְס אוּנ בְּרוֹיךְ שׁוֹין מֶעהְר נִיט צוּ הָאבְּן אֵיינֶעם לֶעהְרֶער מַייסְטֶער · בַּייא אַלֶעם דֶעם בְּלַייבְּען מִיר גוּטֶע פְרַיינְד ווִיא פָארְהֶער וֶוען אוֹיךְ אִיר זַייט אוּנ בְּלַייבְּט אַיין אַיינְפַאכֶער (פְּרָאסְטֶער) בִּירְגֶער (מֶעסְצַאנִין) :

דֶער שַׁאלַאמָאן דְרַייצַאק אָבֶער הָאט אִים אוֹיסְגֶעלַאכְט אוּנ גֶעזָאגְט דִיזֶעם שְׁטָאלְצֶען יוּנְגֶען מַאן · עֶס אִיז וַואהְר דָאס אִיךְ וַואר אַיין אַיינְפַאכֶער בִּירְגֶער אוּנ וֶועל עֶס בְּלַייבֶּען דוּא אָבֶער וֶועסְט עֶס אוֹיךְ נִיט זַיין אוּנ עֶס טוּט מִיר לַייד אִיבֶּער דִיר דָאס דוּא פֶערְשְׁוֶוענְדֶעסְט דַיין גֶעלְט אוֹיף הוֹילֶע פְרַאסֶער אוּנ שְׁמַארַאצֶער (וָואס לֶעבֶּען אוֹיף דֶעם אַנְדֶערֶענְס רֶעכֶענוּנְג) אוּנ נָאךְ מֶעהְר פֶערְדְרִיסְט מִיר וָואס דוּא הָאסְט פַארְלָארֶען דַיין פֶערְשְׁטַאנְד אָ אִירְט אַייךְ זֵייעֶר · הָאט אִים יַאקָאבּ גִיעֶנְטְפֶערְט וָואשׁ אִיךְ הָאבּ נָאךְ אִין מַיינֶעם פִינְגֶער דָאס הָאט אִיר נִיט אִין אַייעֶר קָאפּ · עֶס אִיז מִיגְלִיךְ · הָאט אִים דֶער דְרֵייצַאק גֶעעֶנְטְפֶערְט דֶען דֶער גַאנְצֶער פֶערְשְׁטַאנְד דַיינֶער אִיז פַארְקְרָאכֶען אַהִין אוּנ דֶער קָאפּ אִיז גֶעבְּלִיבִּין לֶער אוּנ ווִיסְט · אוּנ אַלְזוֹי אַדְיוּ אוּנ נִיט מֶעהְר צוּם ווִידֶער זֶעהֶען · דֶען אִיךְ בֶּערַייהֶע דָאשׁ אִיךְ הָאבּ מִיט דִיר דִיזֶעם מָאל גֶעשְׁפְּרָאכֶען · דֶען דוּם אִיז יֶענֶער וָואס ווִיל נִיט גֶעהָארְכֶען אַיין גוּטֶען רַאטְהֶע נָאךְ דוּמֶר אָבֶּר אִיז דֶער וָואס פְּרֵיידִיגְט פַאר טוֹיבֶּע אוֹיעֶרֶען :

7.

„דיא ווירקונג פון דיזען געשפרעך"

וויא אויך דיזעם געשפרעך וואר אוים געלאכט פון דעם יאקאבקע דאך וואר עם ניט אן איינער גרויסער ווירקונג · עש האט זייער פיל געווירקט אויף אים אבער ניט צו זיינעם בעסטען (לטובתו) גראדע גאנץ אומגעקעהרט צו זיינעם געשווינטען אונטערגאנג · דען וויא נור דער דרייצאק איז אוועק פון אים · האט ער זיך בעשלאסען אויש צו פיהרען זיין פלאן צוא ווערען איין אדעל אדער דער צו נאך איין בעאמטער (ציגאווניק) מיט אלער מיגליכקייט אין דער וועלט אונ מיט דיא גרעסטע קאסטען וואס עם קען אים שטיין צוא געבאט (ברשותו) אונ דיזעם איז אויך נור אום צוא טראצען דער מיט (להכעים) דעם דרייצאק וואס לאכט זיא אוים פון זיינעם גאלדענעם ציל צוא ווערען איין דווארעניו אונ איין בעאמטער · אונ בעווייזען אים דר מיט דאס ער איז פיל קליגער פאר אים · „עם מעג מיר עם קאסטען איין האלבען מיליאן פראנק אונ נאך מעהר" האט ער ביי זיך געטראכט אונ דיזעם מוז גיך אונ באלד אוים געפירט ווערען · אונ וואלט עם פיליכט אויסגעפירט דען וואס מאכט מען ניט מיט געלט אין פראנקרייך ? ווען ער וואלט דיזע קאסטבארע מיטלען אנגעווענדעט וויא איין קלוגער יונג אויף דעם רעכטען ארט אונ שטעלע · דורך דיא הילפע פון איינעם טיכטיגען דימפלאמאט (אזו אמין יוריסט וואס ווייס דעם חאד פון שלאכעטצטווא) ער האט אבער דער צוא געברויכט נור זיינע שוויסטיקעם זיינע יונגע קנאזאקעם אונ גרעפלעך וואס האבען אים פארשפראכען עם אוים צו פיהרען דורך אזו איינע גרויסע סומע זייער רייכט · האבען אים פערשפראכען הרים וגבעות זייא וועלען אים גאר מאכען פאר אמער (גובערנאטאר) זייא האבען אבער גאר ניט גיטאן פיר דיזע זאכע · ערסטענס ווייל זייא האבען גאר ניט געקענט טאן דען זייא ווארען קיינע זאקאניקעם אונ

צווייטינס



צווייטינס האבען זייא ניט געוואלט טאן · דען וואצו זאלען זייא זיין געלט אפ געבען איינעם אנדערען ווערהערענד זייא קענען עם פאר זיך בעהאלטען אונ האבען אים אלזוי ביי דיזער געשיכטע אוים געזויגען מעהר אלס איין מיליאן פראנק בארעם אויסער וואש וואר דער ביי פאר זויפען אונ פאר פרעסען · אונ דער ביי נאך קיין שריט געטאן דאפיר · אונ האבען אים דאפיר אבגעשפייזט נור מיט פוסטע דבורים · אונ ער האט זיך אלץ געלאזט פיהרען וויא איין טירקע פאר דיא נאזע :

אונ ווייל ער וואר אין דיזען געשעפט זייער בעשעפטיגט · אונ איז אלץ געלאפען פון איין גרעפעל צו דעם אנדערען פון איינער אקטאריזען צו דער אנדערע וואס וואַרען אין גרויסען אנזעהען ביי דעם מיניסטער דער אינערען אונ אזוא אויך ביי פארנערהמערע דאמען וואס ווארען דאן הויף מאטרעסען · איז אים שוין גיפאלין צוא לאסט זעלבסט דיא קליינע מיהע אונטער צוא שרייבען זיינע געשעפטם פאפירען וואס דער קאסירער פלעגט אים פאר צו לייגען אלע טאג · ניין מיין בעסטער אליוזער האט דער יאקאב צוא אים געזאגט · זייא ערמידען מיך אימער מיט דיזע קליינליכקייטען ווערהרענד (בשעת) מיין קאפ איז מיר פערנומען מיט פיל וויכטיגערע ענינים · אלס דיא זינד · עם האנדעלט זיך גאר ביי מיר איצונד ציא איך זאל ווערען איין גרויסער אדעל · איין אריסטאקראט · איין מער אדר איין פינסטערער בירגער · איין פראסטער קויפמאן · אלזויא מיין פריינד לאזען זייא מיר מיט אייער סאהער געשעפטען צוא פרידען · אונ נאט אייך איינע שריפטליכע פאלמאכט פון מיר דאס איך גיב אייך איבער אלע מיינע געשעפטען אויף דרייא יאר דאס איר האט דאס רעכט צו שאלטען אונ צו וואלטן איבער זייא וויא איך זעלבסט · אונ דאס אייערע אלע אונטער שריפטען אונ אנווייזונגען זייען גילטיג פונקט וויא מיינע · אלזוא איין ענדע שוין מיט אייערע בעאונרוהיגען מיט פראגען אונ אנטווארטען אונ מיט דיא ליידיגע אונטער שריפטן

הונדערט

הונדערט מאל אטאג · אונ דער קאסירער וואס מיר ווייסען אים שוין פון פריהער דאס ער וואר איין מאן פון אקנאפפען געוויסען · האט דיזען צו טרויען (דאווערענאסט) מיט פריידען אנגענומען · אונ האט זייער גוט פארשטאנען וויא עס צו מאכען זיך צו אייגענעם נוטצען · אלזוא פאר דער האנד · האט דער גרויסער פערמעגען פון דעם יאקאב געהאט צווייא וויכטיגע אפפיהרונגם מיטלען אדער בעסער צוא זאגען צווייא אבלייטונגם קאנאלען וואס דאס געלט האט דורך געפלאסען דורך זייא וויא וואסער אין פרעמדע הענט: אונ דיזע זייען קיינע אנדערע וויא דער יאקאב זעלבסט אונ זיינע קאסירער דאהער קיינע וואונדער דאס ער וואר שוין באלד אומגעזאמט פון שול נור פארהער מוזען מיר איין עטוואס דער ציילען פון דעם שאלאמאן דרייצאק :

8.

(שאלאמאן דרייצאק)

דיזער שאלאמאן דרייצאק · וואש האט זיך גיפירט גאנץ אקאנאמיש אונ וואס ער האט ערצויגין זיינע קינדער גאנץ געמעס זיינעם שטאנדע (קויפמאנשאפטליך) אונ האט זייא גילאזט לערנען נור וואש עס פאדערט זיין גישעפט שרייבין רעכענען · אפאר שפראכין בוכהאלטעריא אונ איין עטוואס מעכאניק אונ כימי וואס עס איז נייטיג צו וויסן צו זיינער פאבריקאציאן · איז גיווארין איבער דיזע צייט וואש ער האט זיך אפ גיטיילט פון שותפות מיט דעם שואל דאפעלט רייכער · אונ האט דער לעבט פריידען פון זיינע קינדער · דען עס איז פון זייא גיווארין גוטע געשעפטם לייטע וואש זיינען אים גיווארין דער ווייליע דיא בעסטע שלוזאסצעם · אונ איז גיווארין אויך זייער גישעצט אונ גיאכט בעליבט אזו גאר אין דר גאנצר שטאט דען ער וואר א גרויסער מענשין פריינד אונ האט גינומען אנטייל אן דעם אנדערעם ליידין אונ פריידין · אם מעהרסטין אבער האט ער אנטייל גענומען אן דער וויטווע (אלמנה)





סערעל · יאקאבס מוטער · וואש זיא האט זייער גוט פר שטאנען דיא שלעכטע אויף פיהרונג פון איהר זאן · דאש ער רענט (לויפט) נור צוא זיינעם פערדערבען זיא וואר מיט דיזעם שאלאמאן דרייצאק זייער גוט · אונ דאש גלייבין ער איהר · אונ דאהער וואר ער איהר דיא איינציגע פערזאן וואש זיא פלעגט אוים גיסען איהר ביטערעם הערץ פאר אים אונ בעטין אים דאש ער זאל איר זון צוא רעדע שטעלין (מוסערין) ער האט עס איינינגע מאהל גיטאן עס וואר אבער וויא מיר ווייסן נור אין ווינט גישפראכין אונ ווייטער ניט · ער האט איר געראטין דאש זיא זאל אים אן קלאגען ביי דער אבערקייט דאס ער איז ניט אין שטאנדע זעלבסט צוא אופראוולאיען מיט דיזען געשעפט · אונ ברויכט צוא האבין איינעם אפעקון איבער זיך · זיא האט עס אבער ניט געטאן · דען זיא האט געפירכטעט דאש זיא וועט אים דורך דעם אין דיא איינגע טרייבין דאש ער וועט איין זעלבסט מארד בעגיין ·

אין איין אווענד איז דיא סערעל גיקומען צוא דעם שאלאמאן דרייצאק מיט רויט בעוויינטע אויגין אונ מיט איינעם געבלייכטין געזיכט : בעסטער פריינד · האט זיא זיך אפ גירופין צו אים · ווען מיט מיינעם זאן איזט שוין אזוא ווייט געקומען · דאש איך האב שוין קיינע האפענונג אויף זיינע בעסערונג אט זאל מיר זיין אם וויינינגסטען פערגונען צו דער לעבען פריידען אן מיינער איינציגע טאכטער חוה (עוואא) זיא איזט מיינע איינציגע האפענונג מיינע לעצטע שטיצע דיזע וויל איך נאך פריא צייטיג רעטען · אונ דיזע רעטונג בעשטייט נור דאס איך זאל איהר וואס צום גיכסטען פערהייראטהען מיט איינעם זאלידען (בראווען) קויפמאן דען זאנסט וועט דער יאקאבי זיך פערגרייפען מיט דער צייט אויך אן איר נדן וואס איך האב ארוים בעקומען פון אונטער דיזען שווינדלערם הענד מיט גרויס הריצות · צווייא מיליאן פראנק · א מיינע טאכטער איזט איין ליבעם ווירדיגעם

מיידכען שיין קלוג · גוט געבילדעט גאנץ בעשיידען אונ פערדינט
אלזוי אין פולער מאס איינעם ארענטליכען מאן צו בעקומען ·
אונ קיין בעסערען פאר אייערען עלטערען זאהן יאזעף ברויך
איך ניט · איך גלויב אונ איך בין ווירקליך ניט פערערעכענט·
דאס איר דאס גלייכען ברויכט קיינע בעסערע אונ רייכערע
שוויגער טאכטער אלס מיינע טאכטער עווא איזט איהר ווערט מיט
דיזע פארטי גליקליך מאכען אייער זון · אונ נאך מער מיך אונ
מיינער טאכטער :

„גוט איך האבע ניט וואס איין צוא ווענדען דער בייא„
האט ער זיך אפגערופען נאך מער· איך וויים דאס מיין יאזעף
איז גאנץ גענייגט צוא אייער עווא אונ פערגעווים ווען איר
זעלבסט זייט דיא שדכנטע · מוז אייער טאכטער זיין איינגענומען
אויף פיר מיין זון · אונ דאך ווייס איך ניכט צוא קען עס
אוים געפיהרט ווערען ווייל איך בין אין דער מיינונג דאס
אייער זאהן וואס שלייערט זיך צוא ווערען איין אדעל · איין
מער · וועט אים ניט אן שטיין דאס מיין זאהן זאל ווערין זיינער
אשוואגער · אונ וועט עס געוויס ניט צו לאזען ·„א ניין מיין בעסטער„
האט זיא זיך דיא סערעל אפגערופען איך וועל אים אבער גאר ניט
הערען · א איך וויים דאך שוין אייערע הקיפות · אנטקעגן אייער
בן יחיד · וואס נור עפעס פירכטעט איר דאס איר וועט אים אין דער
ענגע פערטרייבען · אונ ווירקליך קען אים דיזע פארטי וואס איז
גראדע געגען זיין דומען פלאן איין מער צוא ווערין · צוא איינעם
זעלבסט מארד פערלייטען · דען עס איז אויף דיזען קעק (דוראק)
אלעם צו גלויבען · אונ ווען דאס איינמאל בעהיטע גאט געשעהען
זאל וועט: דיזע שולד געשריבען ווערין אין פאריגער וועלט אויף
מיינער רעכענונג · אונ עס וועט צוא גלייך הייסען דאס אייער
טאכטער האט זיך ערקויפט אמאן מיט דעם בלוטע איהרעם
ברודער .

א מיין בעסטער האט זיא זיך אפגערופען צו אזו ווייטעס

וועט



נועט ניט קומען · אונ בייא אלעם דעם האט ער זיך אפגערופען ·
איז עס בייא איינער פארטי (שידוך) צוא ערוועגען · אונ זאג
אייך רונד ארוים ווען אייער זון זאל עס גוט ווילינ צוא לאזען
וועלען מיר ווערען אין קורצען מחותנים :

דיא מוטער (דיא סערעל) איז אוועק פון אים פולער
האפענונג דאס איר טאכטער וועט ווערען ברויט (כלה) פון דעם
יאזעף · אונ האט זיך שוין ערפרייט מיט איינער גליקליכען
צו קונפט · דיזע פריידע אבער וואר ניט פון לאנגען דויער · דען וויא
נור דער יאקאבי האט דער הערט פון איר דיזען פלאן · דאס
זיינע שוועסטער וויל גיין פאר דעם יונגען דרייצאק האט ער אוים
געבראכען אין ווינען אונ אין איינעם פירכטערליכען געיאמער :

א מוטער האט ער אוים געשריען · ניט אין מיינעם לעבען
וואלט איך יע (ווען) געגלויבט דאס דוא זאלסט וועלין אזו איין
קרומען שריט טאן · אוועק געבען דיינע איינציגע טאכטער
דיא וועלט בערימטע עווא פר איינעם בירגערליכען (מעסצאנסקי)
האנדעלם געהילפע · וועהרענד (בשעת) איך דיין זון בעמיהע מיך
מיט אלע מיינע קרעפטען צוא ווערען איין אדליגער · איין מער
מיט דער צייט · א בעהיטע גאט דער פון · דיזעם וועט
מאכין איין גוואלטיגין שטריך · דורך מיינעם גאלדענעם אונ גליקליכן
רעכענונג · א ניין איך וועל עס פאר קיין פאך צוא לאזין · ניין
מיין שוועסטער איז צוא וואש בעסערס געמינצט (געמאכט) ·
זיא מוז איינעם ריסטאקראטין (איין איידעל מאן) הייראטהען איין
באראן · אונ דיזען האב איך שוין אוים געזוכט פאר איר · דער
איז דער יונגער באראן טארבעם · וואש איז שוין פאר ליבט אין
איר איבער דיא אויערין · האט אוים זיכטין געוויסע צוא ווערין
אמער · אונ וועט מיט דער צייט נאך ווייטער שרייטען (שפרייזען)
אונ עס איז מיר פעדער לייכט אוים צוא פיהרען דיזע פארטייא
נור מיט דעם בעדינג דאס ער זאל הלילה ניט געוואר ווערין דאש
דוא האסט גאר גיהאט בדעה אוועק צוא געבין איר פאר דעם

יונגען

יונגען דרייצאק · דען דאן וועט אים שוין ניט אן שטיין אזו גאר איין ווארט צו ריידען דער פון :

דיא מוטער האט געמאכט דער ביא צוואר גרויסע איינווענדונגען · עס איזט אבער געבליבין אויף דאס זייניגע · דען ער האט איר געדראהעט (געשטראסעט) ווירקליך מיט איינעם זעלבסט מארד · ער וועט זיך דער שיסען · דער טרינקען · אונ דיא שוועסטער האט זיך פערהייראטהעט וויא דער יאקאבי האט גיוואלט מיט דעם יונגען באראן טארבאס וואס האט נור געמיינט וויא געזאגט נור דיא קניידלאך אבער ניט דיא הגדה · דאס הייסט דעם ליבען גראסען דיא צוויא מיליאן פראנק נדן אבער ניט דיא עווא · דען ער וואר שוין וויא אויך נאך ערסט פינף אונ צוואנציג יאר שוין גאנץ אונפעהיג (נע שפאסאבנע) מיט איינער פרויא צו זיין אונ צו לעבען · ווייל ער האט זייער שלעכט ביז אהער געווירטשאפטעט מיט זיינער געזונדהייט · (דאס הייסט ער וואר העכסט אוים גילאסען) · ער וואר אן ציינער אן ביינער · אן אלויט פלייש · אן איינעם אייגענעם האר אין קאפ · עס וואר אין אים אלעם געקינסטעלט · זיינע ציינער ווארען איינגעשטעלטע · זיין שייטעל וואר גידעקט מיט אפארוק · זיינע אויגין ווארען טייערע ברילין · זיינע שטימע הייזעריג זיין גאנג וואר מעכאניש (געקינצעלט) עפעס וויא אויה שרויפען · דער צו גאנץ געשטיצט אויף אטייערען שטאק דער צו וואר ער העכסט לוינישׁ (קאפריסנע) איין וואהרער פלאגע גייסט פאר זיינע יונגע פרויא אונ שוין אין דיא ערסטע פליטער וואכע האט זיא אים גימוזט בעגלייטען אין דיא ווייטע ווארעם בעדער אים צו היילען דארטן זיינע צעריסענע טוגענד · אונ דארטן האט ער געווירטשאפטעט מיט דעם נייעם קאפיטאל וויא דער טייוועל אין דער העלע דען צו אלע זיינע מעלות וואר ער אויך אגרויסער קארטין שפילער · אונ האט דארטן פערלארין גאנצע מאסען :

דיא עווא וואס וואר ווירקליך איין גאנץ בעשיידענעם קינד

גאנץ



גאנץ קלוג אונ מיט אגעוונטען מענטשען פערשטאנד האט זיך דארטן שוין באלד איבערצייגט דאס איר ברודער האט איר גימאכט גאנץ אונגליקליך מיט דיזער פארטי אונ איז אנטלאפין פון אים וויא פון אפעסט · קוים מיט דעם לעבין דען זיא וואר פון אים דארטן אנגייזעהען נור וויא איינע לעסטיגע גלויבעגערין (מלוועטע) וואס מאנט אים מיט יעדער בליק גרויסע שולדען פון צווייערליי גאטונקעם (סארטען) ליבע אונ געלט וואס ער וואר ניט אים שטאנדע איין עטוואס דער פון איינצוצאלין אונ האט שוין מער אלם איינמאל גיהערט וויא ער האט זיך בעקלאגט פאר זיינע מיט שפילער „וואס וויל פון מיר דיזע בירגערליכע מעדכען האבין ? איין קינד פון איינעם סאהער יודען׳ גענוג דאס איך האב איר מיין גרויסען נאמען געאפפערט נון וואס וויל דיזע בירגערפאק נאך ווייטער פון מיר״ · זיא האט דאס גיהערט פון אונטער איינעם שירעם (פארעוואן) אונ האט נאך מער גיהערט אלם דיזעם · זיא האט גיהערט אויך איין מאל דען ראטה וואס זיינע מיט שפילער האבין אים דארויף געגעבין · „הער באראן״ האבן זייא אים גיזאגט זייא לעבין נאך פיר יעצט אין איטאליען אונ היר איזט זייער לייכט צו בעקומען איין מיטעל געגין אזוא איין איבעל · דאס הייסט אום לויז צו ווערין פון אזוא איינע לעסטיגע פערזאן וויא דיזעם מיידכען איז · מען בעקומט עס ביא דער מאדאמע ארשינע ביא דער בעריהמטע גיפט מישערין איין פולוועכען פיר איין שפאט געלט וואס שלעפערט איין ביז דעם יונגסטען טאג (יום האחרון) אונ דער צו נאך אזו הארט דאס מען קען פערשלאפען אויך דעם שופר של משיח · דאס הייסט מען זאל אזוא גאר ניט אויפשטיין צו תחיית המתים :

זיא האט עס גיהערט אונ עס האט איר אויפגעציטערט דער מארך אין איהרע ביינער · אונ איזט אין דעם זעלבען טאג גיפלייטעט איזט גיקומען צו איר מוטער וויא איינע פליכטיגע (אנטלאפענע) פון איין ערד ציטערניש מיט דעם נאקעטען לעבן נור · האט איר מיט

געטהיילט

געטהיילט אירע טרויעריגע לאגע · אונ דיזעס האט איר מוטער גאנץ צו בראכען · דאס זיא איז גיווארין באלד בעטלעגעריג אונ דיא עוואַ איז געבליבין צו הויז גאנץ וויסט אונ פערקימערט וויא אמאל דיא תמר בייא איר צוריק קערען זיך צו איר ברודער פון דעם אמנון · דען זיא האט זיך גישעמט דיא אויגן צו ווייזין אין גאס · וואר בעשעפטיגט ארום דיא מוטער גאנצע צווייא מאנאטען ביז איר טויט :

פאר איר שטארבען האט זיא צוואר אויסגעשפראכען פאר איר זון אליץ וואס זיא האט ביז אהער פערפרעסט אויף איר הערצען זיא האט אים שולדיג גימאכט אין איר טויט אין דעם אונגליק פון זיינער שוועסטער האט אים פארגעשפיגעלט זיינע טרויעריגע ענדע אונ ער האט דעד בייא אזו גאר זייער שטארק געוויינט · האט איר פערשפראכען זיך צו בעסערען אונ אויסניכטערען פון זיינעם וואהן (טעות) צו ווערען איין אדעל איין מער אונ צו נעמען זיך צו דעם געשעפט דאך דיזער גוטער בעשלוס וואר וויא דער קורצער דויער פון איינעם מארגענשנייא אין אפריל מאנאט · קוים זיינען איבער גיגאנגען דיא שבעה טעג האבין אנגעהייבין זיינע קאמראדען צו בעזוכען אים אונ האבין אים אויסגעלאכט פון זיין אויפגעבין זיין גאלדענעם פלאן צו ווערין איין אדעל אום צו נעהמען זיך צום געשעפט האבין אים באלד פארגעשפיגעלט דאס אין פערלויף פון צווייא מאנאטען ערייכט ער זיין ציל · אלזוא מוז ער ניט שפארען קיינע מיהע אונ קיינע געלד אום ניט צו בלייבין שטיין אויף דעם האלבען וועג :

ער האט זייא געהארכט אונ האט פארטגעזעצט (פראדאלזייעט) זיין פאריגען גאנג אבער דאך ניט אזוא וויא פארהער ער האט געהאט אין אויג נור זיין ערווינצטען ציל צוא ווערען איין אדעל אבער ניט צו שציגעלייען אונ לעבין וויא פארהער מיט חברה אין זויז אונ ברויז אונ דאהער האבין אים זיינע קאמראדען וואס פלעגען קומען צו אים אום נור צוא זויפען אונ פרעסען וויא

פארהער



פארהער אנגעהויבין זייער שווער צו פאלען ער האט זיך שוין גיוואלט לויז מאכן פון זייא אונ עס וואר שוין צו שפעט אונ זיינע שטראפע וואר דאס וואס ער האט ביז אהער גיטאן מיט לוסט אונ פערגעניגען האט ער געמוזט טאן אלס געצוואונגענערהייט האט געמוזט שפילען דיא ראלע פון איינעם אריסטאקראטען אין אלע פעלע אונ דער גישעפט איזט זיך געגאנגען וויא אשיף אן ארודער אונ אן אקאמפאס דער ווייל :

## 8.

## (יאקאבים פארטי (שידוך)

אין דיזער צייט האט איינער פון דעם יאקאבים פריינדע פארגעשלאגין אים אשידוך מיט אמיידכען וואס איז פון דעם גרעסטען אידעשען אדעל אין פראנקרייך (דער נאמען מוז דא פארשוויגען ווערין) איר פאטער וואר שוין טויט · זיא האט נור איינע מוטער גיהאט וואס וואר איינע העכסטע פערדארבענע דאמע · איינע גרויסע פערשווענדערין אונ אגרויסע קאקעטקע דאס זיא האט מיט איהרעם אויפפיהרונג אריין געבראכט איר מאן גאנץ בעצייטען אין דער ערד · אונ איז געבליבין מיט איר טאכטער אין גאנץ צעריטעטע (ניט גוטע) אומשטענדען אונ וואר אלזוא ברייט אונ ווילינג זיך אויס צו העלפען פון איר מיסליכע (שלעכטע) לאגע זעלבסט דורך דעם פערסאחערען איהר טאכטער פאר אגוטען פרייז אן דעם ערסטען בעסטען אויסגעלאסענעם אונ פערווארפענעם מענטשען אין דער וועלט ער מעג זיך זיין איין זון פון איינעם היינקער קנעכט (פאדקאציק) :

דיזער פריינד האט אים דער צו בערעדעט וויא עס פערשטייט זיך אום נור צו פערדינען איינע גרויסע שדכנות אונ האט אים איינגעשאצט פאר אגרויסען נדן איר גרויסען יחוס „בעקומסט דוא דיא טאכטער פון דיזער דאמע פאר אפרויא" האט ער אים איינגירעדט דאן ווערסט דוא באלד דורך דיא גרויסע מיטגלידער פון דיזער

גרויסע

גרויסע פאמיליע וואס זיינען גרויסע ציניאווניקעס עמפאר געהייבען אויף איינע גרויסע שטעלע · אונ וועסט שטייגען למעלה למעלה :

אונ זיא דיא מוטער פון דיזעם מיידכען האט זיך געקוואפעט נור אויף זיין גרויסען רייכטהום · אונ אויף זיינע פרייע געביקייט אונ עס וואר איינע פייערליכע פערלאבונג (תנאים) אונ דיא כלה מיט דער מוטער ווארען פון אים בעשאנקען קיניגליך אונ עס האבין דער ביי געצעכט (געשוועכט) מעהר אלם דרייסיג קאבאראדין אונ סאמפאנער האט זיך גיגאסין וויא וואסער · דער ביא ווארען אויך ניט פערגעסען מאנכע ארעמע פערוואנדעטע (קרובים) פון דער מחותנסטע וואס ווארען געלאדען (דיא פארנעהמערע זיינען ניט געקומען) זייא ווארען בעשאנקען זייער רייך אונ אונזער יאקאבי האט זיך שוין דאן געדיינקט דאס ער איז שוין געאדעלט אונ איז דער ווייליע איין אויסערארענטליכער (שווערכשטאטנער) בעאמטער (ציניאווניק) אונ וואר אלזוא גוטער דינגע (העכסט פריילך) אונ האט שוין אנגעהייבן צו דיינקען וויא איין צו ארדענען דיא האכצייט וועמען צו לאדען אונ דאס גלייכען דאס ער האט עס פערשפארט וויא מיר וועלען עס דא באלד דער ציילען :

אין איניגע טעג ארום אין דער פריא אלס ער האט זיך אומשפאצירט איבער דעם זאל זיינעם אין איינעם זיידענעם חאלאט מיט אטייערע ציגארע אין מויל העכסט פריילך אונ פערגעניגט פערזונקען מיט זיינעם געדאנקען אין איינער גאלדענע אונ גליקליכע צו קונפט (בודאסנאשץ אדער עתיד) אונ האט זיך אלזוי געמיינט דאס דער הימל (גליק) וועט אימער בלייבען הייטער (אויסגעלייטערט) איבער זיינעם הויפט אונ נימאלם געטריבט ווערען דורך איין טרויער וואלקען האט ער (דער הימל) זיך דאן גראדע גאנץ פלעצליך פערנעבעלט (פערחמארעט) אונ איז אים איבער פאלען מיט דונער בליץ אונ האגעל דאס ער איז גיווארין דער פון אזוא שטארק בעטראפען (צומישט) דאס ער האט זיך גאנץ זעלבסט פערלארען אונ האט ניט געוואוסט מעהר

אלם



אלם איינע האלבע שטונדע דאס ער נאך לעבט דען עס איזט אים פערגאנגען דאס זעהען אונ הערען :

דיזער דונער אונ בליץ אונ האגעל אבער וואר וויא דיא ווארהייט צו זאגען נור אפאר ווערטער וואס זיינען אויסגעשפראכען גיווארין גאנץ געלינד פון דעם מונד זיינעם קאסירערס וואס ער האט אים געגעבין אפאלנא דאוויערענאסט וויא מיר ווייסען שוין פון פארהער אונ וואס האט שוין גיקויפט אגרויסען הויף אויף זיין ווייבס נאמען · ער איז אריין צו אים אין זאל אונ האט אביאוועט דאס ער איז באנקראט · דיזע בייזע מעלדונג · אדער בעסער צו זאגען דיזע איובס פאצט האט אים גאנץ בעטייבט אויף איינער האלבע שטונדע אונ דער נאך אלם ער איזט צו זיך גיקומען איז ער אנגעפאלין אויף אים מיט אגישריא א דוא עלענדער האט ער זיך אפגירופען צו אים דוא בעטריגער דוא האסט מיך בעשטולין דוא האסט מיך בערויבט · אומגליקליך גימאכט צוא שאנדען געבראכט · איך וועל דיך — נור ניט געשריען מיין הער האט זיך דער קאסירער אפגירופען איר זעלבסט האט אייער געלט אויש געבראכט אונ ניט איך דורך מיינע גנבות אונ נאך מער דורך אייער ניט קוקין אין גישעפט איר האט אייער געלט פערשווענדעט זעלבסט איר האט פערפרעסין פערזויפען אומזיסטע שולדין בעצאלט אין קארטען פערשפילט · אלזו איר זייט באנקראט עס קומט אייך צוואר געלט פון לייטען וואס זיינען קיינע לייט · גינוג איך וויל ניט זיין אייער פריידיגער (מוכיח) וואס איר האט אריין געבראקט עסט אליין עס אויף · נאט אייך אוועק אייערע דאוויערענאסט וואס איך האב פון אייך איך דאנק אייך פאר דיא שלוזבע וואס איך האב גיהאט ביא אייך ביז אהער אונ לעבט אייך וואויל :

אונ ווארום האסט דוא געשוויגען ביז אהער האט זיך דער יאקאבי אפ גירופן צו אים ווייל איך האב שוין לאנג איינגעזעהן האט ער אים גיענטפערט דאס איר געהערט ניט צו דיא קלאסע מענטשען וואס געהארכען נור צו יענער קלאסע מענטשען וואס

קענען

קענען נור פילען (שפירען) איך האב דאך געזעהען וויא איר האט
ניט געהערט אייערע זעליגע מוטער דעם אלטען פריינד פון
אייער פאטער שאלאמאן דרייעצאק אלזו בין איך שוין ניט גיוועזן
אזוא דום צו פריידיגען פאר טויבע אויערען :

קירץ געזאגט עס איז ארויס דער פון אגרויסער צאנק און
באלד דרויף איין בלוטיגעס נישלעג און נאכהער אלם ער
איז געבליבין שוין אליין אין זאל האט ער זיך אנגעהייבען צוא
בערעכענען וואו ער האלט אין דער וועלט און עס איזט ביא
אים אויס גיקומען דאס עס איז נאך ניט אזו ארג מיט אים וויא
ער האט געמיינט · ער האט זיך בעדיינקט דאס ער האט נאך
ביא אמיליאן הובות וואס עס קומט אים פון יונגע גרעפלעך
און באראנען פון גרויסע דאמען און פריילענס צוואר ער האט
אויף זייא ניט וואס צו ווייזען דאך איזט עס גוטעס געלט היינט
האט ער אזוא אויך זייער פיל גוטע פריינד וואס האבין מיט
אים פערלעבט זייער גוטע אויף זיינע רעכענונג און וועלען אים
אלזוא באלד ארויס העלפען פון אלע זיינע נויטען און האט אלזו
גיהייסען וואס צום גיכסטען איין שפאנען זיין טייערע פארעצקע
און איזט אוועק צו איינעם יונגען באראן וואס וואר זיין בעסטער
פריינד און וואס האט אים גענוג נעקאסט גוט און בלוט יענער
האט אים אויפגענומען זייער פריינדליך און האט העכסט
בעוואונדערט זיין פריהען קימען היינט צוא אים „זייא זיינען
פערגעווים ניקומען אום צוא פארען שוין אונטערן שטאט” האט
ער זיך אפגערופן צו אים צו דער פריילען הארטענזע א עס איזט
נאך גאנץ פריא מיר וועלען איר נאך דער וויסען אין דיא פעדערען
(אין בעט)ניין מיין בעסטער האט זיך דער יאקאבי אפגערופען עס
האנדעלט זיך איצונד פון איינער פיל וויכטיגערע זאך אלם דיזעם
איך בין איצונד גיקומען צו מאכען איין געברויך פון אייערע
היילגע פריינדשאפט צו מיר · אלזו מוזט איר פון מיר געוויס
פערלאנגען האט ער זיך אפ גערופען צו אים דאס איך זאל זיין
אייערער



אייערער אסעקונדאנט *) אלזו זאגט מיר מיט וועמען האט איר עס
אויס צו מאכען איין צווייקאמפף (פאעדיניק) געוויס מיט דעם
ווילדען קלוידעס · א איך שטייא אייך צו דינען מיט פריידען ניין
מיין בעסטער האט זיך דער יאקאבי אפ גערופען עס האנדעלט זיך
איצונד מיט מיר פון נאך פיל שלימערעס מיין ניכט ווירדיגער
קאסירער האט גאנץ שלעכט זיך בענאנגען מיט מיינעם צוטרויען
אים מיט אפארמאלנעם דאוויערענעסט אין אלע מיינע גרויסע
געשעפטען דאס ער האט מיר היינט אביאוועט דאס איך בין
באנקראט און דאס איך האב שוין מער קיין גראסען אייגענס :

ביא דיזער נאכריכט האט דיזער יונגער באראן זיך צוריק
געצויגען פון אים עפעס וויא פון איינער פערפעסטעטען און האט
דער ביא גימאכט אגרויסען רויך פון זיינער ציגארע ארום זיך
אום דאס ער זאל אים ניט גלייך אין געזיכט קוקין · א בעסטער
פריינד האט זיך דער יאקאבי אפ גערופען צווא אים וואס האט שיר
פאפלעקצע בעקומען פון זיינער קעלטע צו אים · איר האט דאך
מיר פערשפראכען איינע גרויסע שטעלע און דיזעם איזט דאך
מיר איצונד העכסט נייטיג · דען אויסער דעם וואס איך וועל
האבין איין גוטעס געהאלט וועט מיר אויך דיא זנאצנאסט פון
מיר (פון איינעם צין) אייך זייער שטארק צו ניץ קומען ביא מיינע
איצטיגע קריטישע אומשטענדע וואס איך וועל דארפען האבען
צו טאן מיט זייער פיל קרעדיטארען · ערסטענס בין איך ניט דיינער
אפריינד האט זיך דער יונגער באראן אפ גערופען צו אים און פשיטא
שוין

*) עס איז דיא זיטע דאס ווען צווייא גייען אויף איין צווייא
קאמפף (פאעדינעק) נעמט יעדער פון דיזען ביידען איין גוטען
פריינד מיט זיך וואס זאל זיין זאסציטניק · ביא דיזער בלוטיגין
שפיל · און דיזער זאסציטניק ווערט אנגערופען „סעקונדאנט” דיזע
סעקונדאנטען היטען דאס איינער זאל זיך ניט בעגיין געגען דעם
אנדערען אנדערם וויא עס איזט אפגירעדט גיווארען :

שוין ניט דיין בעסטער פריינד · דען א פריינד קען מען מער ניט זיין וויא מיט זיינעם גלייכען · אונ דאס ביזט דוא ניט אונ צווייטענס בין איך קיין שטעלען אויסטיילער א גרויסער נאט האט זיך דער יאקאבי אפ גערופען וואס הערע איך דא פון אייך געסטערען נאך האט איר מיר ברודער גערופען אונ פערשפראכען צו גיין פאר מיך אין פייער אונ אין וואסער אונ איצונד אזוא לוי (קאלט) אונ פרעמד איך פערשטייא אייך ניט געסטערען האט זיך דער באראן אפ גערופען ביזט דוא געוועזען נאך איין מיליאנער איין ערליכער לעבע מאן היינט אבער ביזט דוא שוין איין שלעפער אונ דער צו נאך איין באנקראטציק אלזוא איזט מיר שענדליך אום צו גיין מיט אזוא איינעם אונ פשיטא שוין צו פערווענדען זיך פאר אזו איינעם דאס ער זאל ווערען געאדעלט אונ בעקומען איין צין דען זעלבסט דער וואס איזט שוין געאדעלט פון דורי דורות אונ האט שוין איין גרויסען צין ווערט דורך איין באנקראט איין פראסטער מעסצאנין געשווייגע (פשיטא) דאס מען וועט אזוא איינעם ניט געבען שלאכטצטווא אונ קיין צין אונ ווידער חוץ אלעם דעם וויא קען מען דיר אנטרויען אשטעלע זעהענדיק דאס דוא האסט ניט פערשטאנען צו פיהרען דיין אייגענעם געשעפט אונ בפרט ווען מען ווייס דאס דוא האסט דיין פערמעגען פערזויפט פאר שפילט אין קארטען :

וויא דיא ווארהייט צוא זאגען האט זיך דער יאקאבי אפ גירופען צו אים זייט איר דאך ניט בעסער פאר מיך איר קענט דאך מיר ניט לייקענען דאס איר האט גענומען. אנטייל אין אלע מיינע ביזהעריגע פערגעניגונגען אונ איך קען נאך מיט רעכט זאגען דאס איר אונ אייער גלייכען האבין מיך אין דיזער וועג פערפיהרט „א ווען אזו“ האט זיך דער יונגער באראן אפ גירופען צו אים ביזט דוא נאך איין גוטער נאר אויך דער צו ניט פאר נעם ווער דוא ביזט אונ ווער איך בין דוא ביזט דאך דער ווילע איין בעסצאנין אונ איין קויפמאן דער צו אונ איך בין איין באראן איין





גרויסער גוטס בעזיצער מיט איינעם גרויסען אמט (צין) אלזוא זיינן מיר ביידע פון גאנץ אונגלייכע שטענדע (גראדען) אונ יעדער שטאנד האט איין אנדער ארט לעבען וואס ביא איינעם באראן הייסט איין אקאנאמישעס לעבען הייסט עס ביא איינעם קויפמאן פערשווענדונג אונ דאס וואס איך האב גענומען אנטהייל אן דיינע פריידען מעגסט עם רעכענען פאר איינע עהרע · אונ אלזוא אדיו איך האב קיין צייט צו שוואצען (צו פלוידערען) מיט דיר אין בלאען (אין ווינט) :

יאקאבי איזט ארויס פון זיין הויז מיט איין פערפלאמטעס געזיכט אונ האט נאך געהערט צו זיינער שאנדע פון הינטער זיינעם רוקען וויא דער באראן האט פאר זאגט זיינע בעדינטע דאס זייא זאלין דיזען בויער יונגע (מוזיק) ניט ארויף לאזען אויף דיא טרעפ ניט בעסער איז ער גיווארען טראקטירט פון זיינע איבעריגע קאמראדען זיינע בעלי חובות האבען אים אויסגעלאכט דען ער האט ניט גיהאט קיין איינגעטונקטע פעדער אויף זייא אונ אלס ער האט זיך בעקלאגט פאר זייא דאס ער האט שוין ניט פון וואנען צו לעבען האבין זייא אים גערעטהען דאס ער זאל טאן דאס זעלביגע וואס זיין פאטער האט גיטאן אלס ער איז אנגעקומען אין פאריז דאס הייסט ער זאל זיך שטעלען דינען אין דעם פאבריק פון דעם שלאמאן דרייעצאק דיזע בעליידיגענדע אנטווארט האט אים געבייגט אין דרייען דען ער האט געמיינט דאס מען ווייסט ניט פון וואהער ער שטאמט דאס אום ווייניגסטען איז מען אין דער מיינונג דאס ער וואקסט ארויס פון אידעשע איידעל לייט :

נאך מעהר אלע אנדערע קאמראדען זיינע פון גרויסען שטאנד וואס זיינען געווען גיוואר פון זיין באנקרוט האבין פאר זאגט זייערע בעדינטע דאס זייא זאלען אים ניט אויף זייער שוועל ניט ארויף לאזען באלד דארויף האט ער בעקומען איין קארב (אטקאז) פון זיינער מחותנסטע „איך האב געטאן א שידוך“ האט זיא אים געשיקט זאגין מיט איינעם מיליאנער וואס שטייט

אויף דער לינע פון אדעל אבער ניט מיט איינעם באנקרוטציק
וואס האט פארשווענדעט זיין געלט אין זויפען און אין קארטען
אין פריידען הייזער און אין טראקטירען און העטע זיא זיך ניט
געשעמט גיטאן צו האבין מיט אזוא איינעם וואלט זיא זיך גוט
אפ געראכענט מיט אים וואס ער האט איר נאמען בלאמירט גענוג
ער האט גיהאט גוטע תשובות פון אלע זייטען דאס ער האט
זיך געשעמט ארוים צו שטעקען אנאז דרויסען ער איז געבליבין
זיצען אין שטוב וויא איין פערארורטהיילטער און האט אנגעקלאגט
זיך זעלבסט פאר זיך אליין ער האט בעוויינט זיין פאל מיט הייסע
טרערין אבער וואס העלפט עס · עס וואר שוין נאך דער צייט :

## 9.

## „דאס ענדע"

דער מענטש איז געבליבין העכסט אָרעם און העכסט עלענד
ניט איינער פון זיינע קאמראדען פון זיינע פריינד פון זיינע טיש
גענאסען מיטשפייזער האט זיך וואס געקימערט אום אים
פערקעהרט נאך זייא ווארען דיא ערסטע וואס האבין זיך לוסטיג
גימאכט איבער אים נור איינע פערזאן איז אים געבליבען איינע
וואהרע פריינדין און דיזע איינציגע וואר גראדע וואס ער האט
איר גענוג בייזעס גיטאן און דיזע וואר קיין אנדערע וויא זיינע
שוועסטער דיא אונגליקליכע חוה וואס האט שוין וויא מיר ווייסען
מאנכעס יאר פערשמאכטעט אין דעם הויז פון איהרע עלטערען זיא
האט נאך אלעם צו זאמען געראפט (נעהאפט) וואס עס וואר נאך
מעגליך צו רעטען פון דעם גרויסען פערמעגען מאנכע קליינאדען
הויזראט און האט עס געמאכט צו געלט האט איינגעמאנט מאנכע
שולדען און האט צו זאמען געשארט איין קאפיטאל פון הונדערט
טויזענט פראנק אהונדערט טויזענד פראנק האט זיך אפ געשטעלט
ביי איר נאך פון איר נדן און איז ארוים פון דיזער וואוינונג מיט
איר



איר ברודער דען דיא הייזער האבין פארנומען דיא גלויביגער
(מלוות) אין איינעם זומער הויז וואס האט אויך גיהערט צו איהרע
עלטערען און וואס דיא קרעדיטארען האבין עס איר געלאזען
אויס מיטלייד נור און האט דארטען אנגיהייבין צו פירען מיט איהרען
ברודער איין שטילעס און בעשיידענעס לעבען · און האבין דארטן
פערלעבט איין רונדעס יאר וויא גאנץ פערגעסענע פון גאטעס וועלט
און דאן האט דער יאקאב גענוג צייט גיהאט צו בעטראכטען וויא
שלעכט ער האט אויסגיבראכט אזוא אגרויסען פערמעגען וויא
ער האט פערשווענדעט זיינע בעסטע יארען און זיין געזונד פאר
איין הוילען וואהן (דמיון) דאס ער האט געאפפערט דיא וואהרע
גיטער דאס לעבענס פאר איין שאטען נור און האט אלזו אין דיא
שטילע נעכט בעוויינט אין שטילען זיינע פערגאנגענהייט און וואלט
שוין פילייכט מיט דער צייט זיך אויסגעזעהנט (פריידליך גיווארען)
מיט זיך אליין ווען עס וואלט אים ניט געוועזען דיא שוועסטער ביי
דער זייט איין לעבענדיגעס טרויער בילד וואס ער נור וואר איר
טויטעס ענגעל (מלאך המות) זיא וואר אים וויא איין דארען אין
זיין געוויסען און האט אימער גאט גיבעטען דאס ער זאל אים
נאך בעסערען צו טאן נאך וואס גוטעס פאר איר און צוא פאר
בעסערען דעם פעלער און דאס אומרעכט וואס ער איזט זיך
בעגאנגען געגען איר און דאן זאל ער אים לאזען רוהיג שטארבען
און דער ליבער גאט האט עס אים פערגונען דען אם ענדע יאר
איז גיקומען אבריף פון ניצער ראבינער דאס איר מאן איז גישטארבין
און באלד דארויף איז אנגיקומען צו איר אויך זיין נאכלאס (עזבון
זיינער) דען ער האט איר פערערבט אלעס וואס עס איזט
געבליבען פון אים ווייל ער האט פאר דעם טויט בערייעט וואס
ער האט איר אזוי שלעכט בעהאנדעלט און דיזעס וואר אין אלעם
גענומען בארעם מיט טייערע הויזראט וואס איזט געבליבין צוא
הויז אויך מיט נחלאות זיינע מעהר אלס צוויא מאל הונדערט
טויזענד פראנק פון ווערט און דיא דאנקבארע און ערקענטליכע
מכרת

RECONCILIATION



(מכרת טובה) עווא (חוה) האט אים דיזע גיטע זיינע באצאהלט מיט אפאר גרויסע טראפענס טרעהרין אונ מיט איין אנצוג פון טרויער בשעת איהר הערץ האט אין איר בוזעם געהיפט (געטאנצט) פון פריידען :

אין אפאר טעג ארום איז דער יאקאבי אראפ פון זיינעם קראנקען לאגער דען דאס גאנצעס יאר איזט ער גילעגין אויף זיין בעט וויא איין געלעמטער פון קריינקונג אונ גראם האט זיך זייער שיין אנגעצויגען אונ ארוים אין גאס אלס עס וואר שוין רעכט דונקעל ער האט דער שוועסטער ניט גיזאגט וואו הין דען ער האט איר גיוואלט מאכן איינע איבער ראשונג (פלעצליך ערפרייען) ער איז אוועק צו דעם אלטען פריינד פון זיינעם פאטער צו דעם שאלאמאן אום צו בעטען אים דאס ער זאל זיינע שוועסטער נעהמען פאר איינע שוויגער טאכטער ער איז אריין צו אים אין שטוב וויא איינע שוואנקענד (ציטערענדע) גריפע גישטיצט אויף איינעם שטאק דאס דער דרייצאק האט אים גאר ניט דער קאנט אונ האט אים אלזו שיינע עטליכע מינוטען אנגעקוקט זייער שטארק (ביסטרע)׳ א זיי האבין רעכט האט ער זיך אפגירופען צו אים וואס זייא דער קענען מיך ניט דען איך בין שוין ניט דער זעלביגער וואס גיוועזן ׳ פריהער וואר איך איין וויסטלינג (איין אויסגילאסענער) איצונד אבער בין איך איין ביסענדער (איין אבקומענדער) אונ ליידע וויא איך האב פערדינט איך בין יאקאבי דער זון פון אייער פריינד שואל גאט האט מיך געריכטעט וויא איך האב פערדינט איך בין עלענד אונ פערלאסען א פערטרעטעט דיא שטעלע פון מיינעם זעליגען פאטער אונ ערבארעמט אייך מיינער (איבר מיך) נעמט מיך אויף אלס איינעם רייעניגן (חרטעדיקען) זון געביטעט איבער מיך איך וועל אייך געהארכען אונ פערצייהעט מיר מיין אונגעהארזאם געגין אייך ביז אהער :

אין דיזעם ריידענדיק האט ער זיך אריין גיווארפין אין זיינע

ארעמס



ארעמס מיט אגרויס גיוויין דער דרייצאק האט אים עמפאנגען זייער פריינדליך אונ ליבליך אונ האט איב בעפייכטעט מיט זיינע טרעהרין וויא מיט איינעם בעלעבענדען טויא׳ א זון מיינעם פריינדעס האט ער צו אים געזאגט איך גראלע דיך ניט (האסע דיך ניט) איך בין דיר גיוועזען גוט ביז אהער אונ וועל דיר זיין גוט אויף אימער אונ בין בריים צו העלפען דיך מיט וואס נור מעגליך איז ׳ נון איז מיר אבער אוואונדער ווארום ביזט דוא ביז אהער ניט אריין גיקומען צו מיר דען עס איז דאך שוין איין רונדעס יאר דאס דוא ביזט באנקראט איך האב פילייכט שוין וואס גיקענט טאן פאר דיר :

א בעסטער פריינד האט ער זיך אפגערופען איך העטע עס שוין לאנג גיטאן נור דיא בושה האט מיך אפגעהאלטען ביז אהער דען איך ווייס וויא ווייט איך בין אומגערעכט געגען אייך אונ העטע נאך איצונד אויך ניט גיקומען צוא אייך דען וויא דיא ווארהייט צו זאגין עס וואר מיר דיזער שריט (גאנג) פיל שלימער אלס דער טויט דען איך בין שוין לעבענס זאט אונ דיינק שוין גאר ניט צו בעסערען מיינע אומשטענדע אונ זעהנע מיך (בענקע) נאך מיינעם טויט וויא נאך עפעס רעכטס דען איך בין אן געזונט אן עהרע ׳ אן צנאמען ׳ אלזוא אוים איינענער אינטערעסע וואלט איך געווים ניט געקומען איצונד צוא אייך ווען עס וואלט מיך ניט געצוואונגען צו דיזען שריט (גאנג) דאס וואהל (טובה) איינעם אנדערען אונ דיזער אנדערע איז נור מיינע טייערע שוועסטער עווא (חוה) וואס איך זעלבסט האב איר העכסט אומגליקליך געמאכט מיט מיינעם שטערען איר צוא ווערען אייער שוויגער טאכטער (שנור) ׳ איך בין געקומען צו אייך אום דיזע שארטע (שצערב) אוים צו גלעטין מיינע שוועסטער איז עבען יעצט לויז גיווארין פון איהרעם מאן וואס איך האב אים איר אויפגעדרונגען דען זיא איז איצונד וויטווע גיווארין איהרע ביגונג צו אייערעם זון איז די זעלבע וואס געוועזין אונ פילייכט נאך שטארקער אונ

דאס

דאס זעלבע וויא איך ווייס איז עס אויך מיט אייערעם זון מיינע שוועסטער האט אויך פערמעגען דען זיא איז איינע ערבין (יורשטע) פון זיינעם נאכלאס (ירושה) · אלזוא הער דרייצאק פריינד מיינעם פאטערס ערפילט אונזערין וואונש אונ ווערט איין פאטער פון דיזער עלענדע אונ פערלאסענע שוועסטער מיינע נעמט איר פאר איינע שוויגער טאכטער אונ דאן וועל איך מיך גליקליך וויסען אין מיינע לעצטע טאגען דען איך וועל קענען דאמיט נאך מיין געוויסען בערוהיגען :

דיזע רייד וואס ווארען פון אים אויס געשפראכען פון טיפסטען הערצען אונ דער צוא נאך מיט אגרויס געוויין האבען ניט פערפעלט דיא ערווינצטע ווירקונג אונ דער יאקאבי האט ארויס בעקומען פון דעם דרייעצאק דעם ערווינצטען "יא ווארט" גוט איך ווילינע איין אין דעם האט אים דער דרייצאק גיענטפערט נור אין פאל ווען מיין זון איז נאך ביי דער זעלבע מיינונג (דאס הייסט דאס ער ליבט זיא נאך) איך טוהע עס אויס ליבע צו דיינעם זעליגען פאטער אונ מוטער דיזע זעליגע אנטווארט וואר אים זיס וויא איינע הימעלישע מוזיק אונ היילזאם וויא איין באלזאם צו זיינעם וואונדען הערצען ער האט דארטין פערווײלט איינינע שטונדען אין דער גרעסטע זעליגקייט אונ פריינדליכקייט אונ האט זיך אומגיקערט אהיים פיל פרישער מוטהיגער בעלעבטער אונ געזינטער אלס ער איזט אוועק צו אים :

אונ ביי אלעם דעם האט ער דיא שוועסטער ערפרייט מיט דיזער פראהע נאכריכט ערסט נאך שבעה זיא האט זיך קוים געקענט פאסען (זיך אויפהאלטען) אויס פריידע אין דרייא מאנאטין ארום וואר הויכצייט מיט דער צייט איזט יאקאבי גיווארין רעכט געזונט אונ האט זיך גינומען צום געשעפט האט זיך איינגעריכטעט אקליינעם פאבריקעל אונטער דיא ליטונג אויפזיכט פון דעם דרייצאק אונ האט אנגעהייבין ביסליך ווייס אויפצוואקסען אונ איז גיווארין איין זאלידער (ערליכער) קויפמאן אונ האט זיך





פערהייראטהעט מיט אשיינעם מיידכען איינע פערוואנדטע (קרובה) פון דעם דרייעצאק :

איין קליינער נאכטראג (ערקלערונג) צו דיזער ערציילונג :

ווען עס אויך דער ציל אונ דיא נוצען פון דיזער ערציילונג זיינען שוין פון זעלבסט גענוג איינלייכטענד (דייטליך) פאר יעדען לעזער אונ לעזערין ביי אלעם דעם בלייבט מיר נאך איבעריג צוא בעשפרעכען זיך איין עטוואס דאריבער עס קען מאנכע זאגען דאס דיזע ערציילונג האנדעלט נור פון איינעם מיליאנער אלזו קען זיא זיין איין דראהענדער ביי שפיל נור פאר איינעם רייכען אבער ניט פאר איינעם מיטעלען שטאנד אונ פשיטא שוין ניט פאר איינעם ארעמאן אלזו האט דיזע געשיכטע בענאהע איר צוועק אין גאנצען פערפעהלט דען מיר האבין דער וויילע גאנץ ווייניג מיליאנערען אונטער אונז אידען אונ אויך דיזע ווייניגע וועלין עס פערגעווים גאר ניט לעזען ווייל זיא איז גישריבין אין זארגאן אונ דער צוא נאך גאנץ ביליג דיזע איינווענדונג איזט צוואר שיינבארליך גאנץ ראזאנע ביי אלעם דעם לאזט זיא זיך זייער לייכט בעשוויכטיגען (איינווענדען) דאס וואס עס איזט נור בעציגליך (שייך) צו דער מוראל איזט קיין אונטער שייד צווישין ארעם אונ רייך אונ קליין אונ גרויס :

שלמה המלך האט גיהייסין דעם מענטשען וואס איז דער קיניג פון דער וועלט דאס ער זאל גיין צו דער אמייזע (מוראסקע) אום אפ צו לערנען זיך פון איר וויא צו זיין פלייסיג אונ משה האט גיהייסין דעם מענטשען דאס ער זאל זיך אפ לערנען פון גאט וויא גוט אונ פרום צו זיין · (מה הוא חנון אף אתה חנון · מה הוא רחום אף אתה רחום) אונ פערגעוויס איז עס אויך דאס אין דעם זעלבען גראד וויא דער קליינער דארף לערנען גוטעס צו טאן פון דעם גרויסען אונ דער גרויסער פון דעם קליינעם געהערט מען אויך אראפ צו נעמען זיך איין מוסר השכל איין ווארנענדען

ביא שפיל איינער פון דעם אנדערען גאר אן איינעם ריקזיכט
(וראזענע) פון דיא שטענדענדער רייכער פון ארעמען דער ארעמע
פון דעם רייכען · דען איין קלוגער קען שוין לייכט געפינען זיין
פערהעלטניס. (פריפארצע) וויא אויך ער קליין איז אין דיא
איינעם רייכען וואו אויך עס גרוס איז אונ אזוא אויך פערקערט
דער גרוסער אין דיא אומשטענדען פון דעם ארעמען וויא אויך
ער קליין איזט ווא איין מילער קאפירט אף דיא גרויסע וועלט
אויף איין קליינעם קארט · אונ וויא איין גוטער שילער לערענט
נידער פערקערט פון דעם קליינעם קארט דיא גרויסע וועלט
קענען אונ פון דיזעם פונקט אוים איזט שוין דיזע ערציילונג
פון דעם נוצען פאר ארעם אונ רייך אלעם צו גלייך: